STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01261

MAYSES FUN FARTSAYTN

F. Halperin

*Permanent preservation of this book was made possible
by Florence & Walter Haas
in honor of
their grandchildren, Molly, Maddy, Abby & Nicky*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
יידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה העברית העממית

795357

פאלק היילפערין

מעשהס פון פאַרצייטן

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאַג פון ב. קלעצקין

Printed in Poland

F. Hajlperin — Majses fun farcajtn

Drukarnia „Wydawn. Wilenskie“
B. Kleckina

דרוקעריי „ווילנער פארלאג״
פון ב. קלעצקין

הילע און צייכענונגען פון ב. מכתם

דער מלך און דער בעטלער

א. די ביטערע גזרה.

צוויי מלכים האָבן צווישן זיך געהאַט אַ סיכסוך.

און מלכים, אַז זיי האָבן אַ סיכסוך צווישן זיך — שלאָגן זיי זיך, און ווער ס'איז שטאַרקער, יענער בלייבט דער גערעכטער.

האָבן זיי אָפּגעריסן זיך פון עלטערן, חתנים פון כלות, טאַטעס פון קינדער, און אַרויסגעפירט אין שלאַכט־פעלד שלאָגן זיך. האָבן זיך געשלאָגן זין מיט זין, חתנים מיט חתנים, טאַטעס מיט טאַטעס, לאַנג זיך געשלאָגן, פיל איינע ביי די אַנדערע או סגעשלאָגן, און איינע די אַנדערע ניט געקאָנט דערשלאָגן. האָט מען ניט געקאָנט וויסן, ווער ס'איז שטאַרקער. איז קיינער ניט געווען דער גערעכטער.

האָבן זיך די מלכים מישב געווען: „זאָל זיין דער גערעכטער דער, וואָס איז אַ גרעסערער מיוחס".

האָט מען גענומען זוכן אין די יחוס־בריוו און מע האָט געפונען, אַז איינער פון די מלכים שטאַמט פון המנס משפּחה. איז דאָס פאַר אים געווען אַ גרויסער בזיון, און ער האָט די קריג פאַרשפּילט.

זאָגט דערדאָזיקער מלך פון המנס משפּחה: „צוליב די יידן איז דאָך המנס משפּחה געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט. וועל איך מיך דערפאַר אָפּרעכענען מיט די יידן, וואָס וואוינען אין מיינע מדינות".

און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל: „אַלע יידן זאָלן אין משך פון איין וואָך צייט פאַרלאָזן די גרעניצן פון דער

קיניגרייך, און ווער ס׳וועט בלייבן דאָ, יענער וועט געטויט ווערן״.

האָבן יידן געטערויערט, געוויינט און געקלאָגט אויף דער ביטערער גזירה.

ב. דער שטורימווינט.

ליגט דער מלך וואָס פון המנס משפחה אויף זיין געלעגער און קאָן ניט שלאָפן, מחמת זיין בלוט קאָכט אין אים פון שנאה צו די יידן, און פון דאָרשט נאָך נקמה, און פון פרייד, וואָס ער האָט פאַר זיי צוגעגרייט אַזאַ ביטערע גזרה. ער שטעלט זיך פאָר, ווי יידישע זקנים און בחורים, פרויען און קינדער וואַנדערן איבער די וויסטע וועגן מיט פעקלעך אויף די רוקנס, מיט צעבלוטיקטע פיס פון שטיינער, מיט צעריסענע בגדים פון דערנער, פאַרמאַטערטע, פאַראָרימטע, פאַרעלנטע, און ער קוועלט אין זיך פון זייערע פיינען, און ער סקריעט מיט די ציין פון צאָרן, וואָס אים ווילט זיך נאָך גרעסערע יסורים אויסטראַכטן פאַר זיי.

ליגט ער און טראַכט די גאַנצע נאַכט, ביז דער מאָרגנשטערן גייט אויף, און ביז די זון הייבט אָן צו שיינען. אין שלאָף-צימער איז שוין ליכטיק, און באַלד דאַרפן די מיניסטאָרן קומען עצות האַלטן זיך וועגן ענינים פון מלוכה. דערפילט ער עפּעס, ווי נאָך עמיצער וואָלט דאָ געווען אין שלאָף-צימער אויסער אים. טוט ער אַ קער די אויגן צו דער טיר — ערשט עס שטייט עפּעס אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגן באָרד, אין אַ האָריקן מאַנטל, מיט אַ שטעקן אין האַנט און מיט אַ טאָרבע אויף דער זייט.

ווערט דער מלך גריילעך צאָרנדיק אויף דער וואַך, וואָס זי האָט צו אים אין שלאָפצימער אַריינגעלאָזן דעם

דער מלך און דער בעטלער. — זײט 5

בעטלער, כאַפּט ער אַ שווערד אין האַנט און לויפט געבן איבערן קאָפּ די מענטשן, וואָס שטייען אויף דער וואַך.

לויפט ער אַ נאַקעטער פון שלאָפצימער אַרויס אין קאָרידאָר, פון קאָרידאָר אין פירהויז און פון פירהויז אויפן גאַניק, וואו די וואַך שטייט. און ווי ער שטעלט איין פוס אַוועק אויפן שטיינערנעם טאָוול פון גאַניק, אַזוי הייבט זיך גלייך אויף אַ שטורימווינט. הימל מיט ערד מישט זיך. און אַ וויכער בלאָזט אָן דעם מלכס העמד, ווי אַ זעגל פון אַ שיף, און הייבט אים אויף אינדערלופטן, און טראָגט אים הויך־הויך אונטער די וואָלקנס, און פאַרטראָגט אים ערגעץ ווייט־ווייט פון זיין פּאַלאַץ און פון זיין לאַנד.

ג. אויפן בית־עלמין.

פליט דער מלך און פליט, און לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ וויסטן אָרט צווישן גריבער און בערגלעך, דערנער און שטיינער. ליגט ער אויף דער ערד, ביז ער איז צו זיך געקומען פון שרעק און פון פאַל. נאָכדעם שטייט ער אויף, קוקט זיך אַרום, וואו איז ער אין דער וועלט. ער האָט גענומען באַטראַכטן די שטיינער, און האָט געזען, אַז דאָס זיינען מצבות, און די בערגלעך האָט ער געזען, אַז דאָס זיינען קברים. האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער איז אויף אַ בית־עלמין.

וויל ער גיין זוכן, וואו דער סוף פון בית־עלמין, דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אַ נאַקעטער, און שעמט זיך צו באַגעגענען מיט מענטשן. לייגט ער זיך אין אַ גרוב פון אַ פוסטן קבר און בלייבט דאָרט דעם גאַנצן טאָג. פאַרנאַכט, אַז די פינסטערקייט האָט אים זיין נאַקעטקייט פאַרדעקט, גייט ער אַרויס פון דער גרוב און לאָזט זיך גיין.

גייט ער, און אויף יעדן טריט שטרויכלען זיינע פיס אָן שטיינער און אָן גריבער. און די פינסטערניש אַרום ווערט אַלץ גרעסער, און די שטילקייט אַרום — טויטער. ער וויל ופן צו הילף, און האָט מורא אַ קול אַרויסצולאָזן. אַ גרויסע שרעק איז אויף אים אָנגעפאַלן. ער האָט אויך מורא אויף דעם אָרט, וואו ער איז געשטאַנען, צו פאַרבלייבן, און ווייטער צו גיין און צו זוכן ציטערט ער, און אָן וואָס וועט ער ביי אַ נייעם טריט געשטרויכלט ווערן — ווייס ער ניט. איז אים גריילעך שלעכט. ביז ער באַמערקט אַ הויכן פאַרקאַן פאַר זיך.

האָט ער גענומען גיין פאַזע דעם פאַרקאַן זוכן אַ טויער. גייט ער און גייט, גייט און פאַלט, הייבט זיך אויף און פאַלט ווידער — די גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געשלעפּט און קיין טויער איז ניטאָ. ביז דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען; איז ער געפאַלן אַ צעבראָכענער צווישן די קברים. און איינשלאָפן קאָן ער ניט, מחמת דער הונגער מאַטערט אים זייער.

ד. דעם בעטלערס הילף.

זיבן טעג מיט זיבן נעכט פאַרבלייבט דער מלך אייגער אַליין אויף דעם וויסטן בית־עלמין. קיין ברויט האָט ער ניט צום עסן און קיין וואַסער — צום טרינקען, אויך ניט מיט וואָס זיך צו באַשיצן פון קעלט און פון ווינט און פון רעגן. און קיין לעבעדיקער נפש גייט די גאַנצע צייט ניט פאַרביי דעם פאַרקאַן, און ביי וועמען הילף צו בעטן איז ניטאָ.

אויפן אַכטן טאָג פאַרנאַכט דערהערט ער טריט פון יענעם זייט פאַרקאַן, און אַ מענטש איז צוגעגאַנגען, האָט זיך אָפּגעשטעלט און קוקט. ערשט דאָס איז געווען דער־

דער מלך און דער בעטלער. — זייט 7

זעלביקער בעטלער, וואָס איז ביים מלך אין שלאָפצימער געווען.

— דאָס האָסטו מיך אַהער פאַרוואָרפן? — פרעגט דער מלך.

— איך. — זאָגט דער בעטלער.

— וואָס האָסטו צו מיר געהאַט? פאַרוואָס האָסטו אויף מיר געבראַכט אַזאַ אומגליק, — טענהט דער מלך.

— איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט פילן דעם טעם פון עלנטקייט, — ענטפערט דער בעטלער.

— אוי, ווי ביטער עס איז צו זיין עלנט, — האָט דער מלך אָנגעהויבן קלאָגן, — ווי שלעכט עס איז, ווען ס׳איז ניטאָ קיין גוטער מענטש נאָענט, ביי וועלכן מען זאָל קאָנען הילף בעטן. האָב אויף מיר רחמנות, זיי מיך מציל פון דער שרעקלעכער עלנטקייט מיינער, ברענג מיך צווישן לעבעדיקע מענטשן.

— רעכט, — זאָגט דער בעטלער. — איך קאָן דיך ברענגען צווישן לעבעדיקע מענטשן. דאָ ניט ווייט אין אַ וואַלד אַרבעטן שינדל־מאַכער, קאָן איך דיך נעמען צו זיי, וועסטו מיט זיי אַרבעטן שינדלען.

פרייט זיך דער מלך. ער ווייס ניט, ווי אָפּצודאַנקען דעם בעטלער, און דער בעטלער גיט אים ברויט פון טאָרבע צו שטילן זיין הונגער, און אַלטע בגדים פון טאָרבע צו באַדעקן זיין נאַקעטקייט. נאָכדעם הייבט ער אים אויף, נעמט אים איבערן פאַרקאַן אַריבער און פירט אים אָפּ צו די שינדל־מאַכער.

ה. אין וואַלד.

אַרבעט דער מלך ביי די שינדל־מאַכער: אַרום די לענדן — פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק. ווינטער מיט אַ זאַק

דעם קאָפּ פאַרבונדן; זומער אין איין העמד און אַ באָרוועס־
סער, און טייכן שווייס גיסן זיך פון אים.

אַ שיין אויף טאָג וועקט מען אים פון שלאָף — גיין צו דער אַרבעט. און ביז די זון פאַרגייט לאָזט ער די האַק פון האַנט ניט אַרויס. קיין צייט ניטאָ אַפילו דעם שווייס אָפּצווווישן פון געזיכט.

און דאָס עסן איז ברויט מיט זאַלץ, און דאָס טרינ־קען — וואַסער פון טייך. און שלאָפן שלאָפט ער אויף אַ געלעגער פון ברעטער, און אַ זאַק מיט סטרוזשקעס — צוקאָפּן.

און די חברים זיינען אויך אַזעלכע הונגעריקע, נאַ־קעטע און פאַרהאָרעוועטע, ווי ער. און פון אָרים לעבן איז זייער געמיט שטענדיק אַ פאַרביטערטער; אַז זיי ריידן — ברומען זיי מיט צאָרן, און אַז זיי קריגן זיך — באַרואיקן זיי זיך ניט, ביז בלוט גיסט פון זייער שונא. און קיינמאָל לאַכן זיי ניט. דער מלך ציטערט פאַר זיי, און קריגט ניט איינמאָל געשלאָגן פון זיי.

אַרבעט ער מיט זיי אַ גאַנץ יאָר אַזוי. ביז צום סוף יאָר זעט ער — דער אַלטער בעטלער שטייט ביי אים לעבן וואַרשטאַט. פרעגט דער בעטלער ביי אים: „ווי גייט עס דיר?"

ענטפערט דער מלך: — „אַוודאי איז דאָ בעסער, ווי אויפן בית־עלמין, איינער אַליין אַ הונגעריקער און אַ נאַקעטער און אַן עלנטער. נאָר דאָ איז מיר אויך זייער שלעכט. וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? פאַרוואָס האָסטו מיך געבראַכט דערצו?

— איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט פילן דעם טעם פון אָרימקייט, — ענטפערט דער בעטלער.

— אוי, ווי שלעכט עס איז די אָרימקייט, — האָט דער מלך זיך פונאַנדערגעווײנט, — צו אַלדאָס בײז דערפירט זי. זיי מיך מציל פון דער שרעקלעכער אָרימקייט מײנער, האָב אויף מיר רחמנות.

זאָגט דער בעטלער:

— רעכט. דאָ ניט ווייט איז פאַראַן אַ גרויסע גוט פון אַ גראַף. קאָן איך דיך נעמען צו דעם גראַף, וועסטו זײן אַן אויפזעער איבערן גוט.

פרייט זיך דער מלך און ווייס ניט, ווי אָפּצודאַנקען דעם בעטלער. און דער בעטלער גיט אים פון דער טאָרבע שיינע בגדים און אַ האַנטעך מיט זייף, און הייסט אים אויסוואַשן זיך און אָנקליידן די שיינע בגדים, און ער פירט אים אָפּ אין דער גוט צו דעם גראַף.

ו. אין דעם גראַפס גוט.

איז דער מלך אַן אויפזעער איבער דעם גראַפס גוט. ער האָט אונטער זיך צענדליקער קנעכט און דינסטן. און די קנעכט שטייען פאַר אים אויף די קני, און די דינסטן קושן אים דעם זוים פון זיינע קליידער. און ער פאָרט אין קאַראָטן, געשפּאַנטע נאַשפּיץ מיט צוויי פּאָר פערד. און אָנגעטאָן גייט ער אין סאַמעט און אין זיידנס, און עסט די טייערסטע מאכלים, און טרינקט די בעסטע וויינען, און וויינט אַליין אין אַ גאַנצן פּאַלאַץ מיט סאַליעס, און שלאָפט אויף אַ ווייכן געלעגער, ווען ער וויל, און וויפל ער וויל.

נאָר יעדן מאָל, ווען ער קומט צום גראַף מיט אַ רעכענונג וועגן דעם, וואָס אין גוט טוט זיך, דאַרף ער שטיין אָן אַ היטל, און קושן דעם גראַף אין האַנט, און באַדינען אים, ווי איינער פון די לעצטע קנעכט. און אַז

דער גראַף איז אין אַ שלעכטער לוין — שרייט ער אויף אים, און זידלט זיך, און שמייסט אים איבערן פּנים מיט דער בייטש, מיט וועלכער ער שמייסט די הינט אויף פּאַ־ליעוואַניע. און אַלע משוגעתן דעם גראַפס דאַרף ער איבער־טראָגן שטיל, און טאָר אַ וואָרט אַנטקעגן ניט ריידן.

און דעמאָלט גייט אים זיין גוט לעבן ניט אַיין. ער דערמאָנט זיך אַמאָליקע יאָרן, ווען ער איז געווען אַ מלך אין זיין לאַנד, און האָט אַליין געהאַט צו שאַפן איבער גראַפן און איבער פירשטן. און די באַליידיקונגען פון דעם גראַף פאַרשאַפן אים גרויס צער און אַנגסט.

און אַ גאַנץ יאָר גייט עס אַזוי. קיין זאַך פעלט אים ניט, נאָר ער איז שטענדיק גריילעך דערנידעריקט. ביז צום סוף יאָר זעט ער: ערשט דער בעטלער שטייט ביי אים לעבן שרייב־טיש

— וואָס מאַכסטו, ווי גייט עס דיר? — פרעגט אים דער בעטלער.

— אַוודאי איז דאָ בעסער, איידער אין וואַלד ביי די שינדל־מאַכער, — ענטפערט ער, — נאָר דאָ איז מיר אויך זייער שלעכט. דער גראַף רעכנט מיר גאָר פאַר קיין מענטשן ניט. וואָס האָסטו צו מיר געהאַט? פאַרוואָס האָסטו מיך געבראַכט דערצו?

— איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט פילן דעם טעם פון דערנידערונג, — זאָגט דער בעטלער.

— אוי, ווי דערנידערונג איז שלעכט, — האָט זיך דער מלך פונאַנדערגעוויינט, — עס גייט קיין עסן און קיין טרינקען ניט אַיין צוליב איר. זיי מיך מציל פון דער שרעק־לעכער דערנידערונג מיינער. האָב אויף מיר רחמנות.

— רעכט, — זאָגט דער בעטלער. — אין לאַנד איז געשטאָרבן דער קיניג, זוכט מען אַ מענטשן, וואָס איז בהבינט אין פירן אַ מלוכה. קאָן איך דיך נעמען אין דער הויפּט־שטאָט, וועסטו ווערן קיניג אין לאַנד.

פרייט זיך דער מלך, און ווייס ניט, ווי אָפּצודאַנקען דעם בעטלער. און דער בעטלער האָט פון זיין טאָרבע אַרויסגענומען קיניגלעכע קליידער פון גאָלד און פון זילבער און האָט געהייסן דעם מלך אָנטאָן, און ער האָט אים אָפּגעפירט אין דער הויפּטשטאָט פון לאַנד.

ז. אויפן קיניגלעכן טראָן.

איז דער מלך געוואָרן קיניג אין דער הויפּטשטאָט פון דעם לאַנד. דאָס פאָלק איז מיט אים שטאַרק צופרידן. ער טוט מיט עלנטע אַלערליי חסדים, זאָרגט פיל פאַר אָרימע, און שטענדיק שטעלט ער זיך איין פאַר דערנידעריקטע און באַליידיקטע. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ מלך פון אַמאָל אָן, ווייס ער ווי צו פירן די מלוכה מיט שכל און מיט פאַרשטאַנד. לעבט פאַר אים דאָס פאָלק אין פרידן און אין פריידן.

קיניגט ער אַזוי צען יאָר אין דער הויפּטשטאָט. פאַר דערדאָזיקער צייט האָט ער זיך געטרייסט נאָך דעם אומגליק זיינעם, וואָס איז מיט אים געשעען אין יענעם פרימאָרגן, ווען דער שטורימווינט האָט אים אַוועקגעטראָגן פון זיין פּאַלאַץ. און אַז דאָס פאָלק האָט פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל חתונה האָבן, כדי זיינער אַ זון זאָל נאָך אים קענען ירשענען דעם טראָן, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ שיינער און אַ קלוגער פּרינצעסין. ער האָט די קיניגין זיינע שטאַרק ליב געהאַט, און זי אים אויך. און זי האָט אים

געבוירן אַ פּרינץ. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געפּייערט די געבורט פון דעם יורש פון טראָן, עס איז שמחה וששון געווען אין אַלע גאַסן, און אין קיניגלעכן פּאַלאַץ אַוודאי.

און נאָכדעם האָט אים די קיניגין געבאָרן אַ פּרינצעסין, און ס'איז ווידער אַמאָל געווען פרייד איבער פריידן.

און דער פּרינץ מיט דער פּרינצעסין וואַקסן, און ווערן וואָס אַ טאָג געזינטער, און שענער, און קליגער. און דאָס גאַנצע לאַנד איז גליקלעך, און די קיניגין איז גליקלעך, און ער, דער קיניג, איז גליקלעך אָן אַ שיעור.

גייט ער איינמאָל מיט דער קיניגין און מיט די יונגע פּרינץ און פּרינצעסין אויפן שפּאַציר צום ברעג טייך זען, ווי די שיפן קומען אָן און שווימען אָפּ. לויפן דער פּרינץ מיט דער פּרינצעסין פּאָראויס. האָט דער מלך נחת. לויפן צו די קינדער צום וואַסער, וויל ער צו זיי שרייען, זיי זאָלן זיך היטן, מחמת דאָ איז דאָס וואַסער זייער טיף. באַווייזט ער ניט קיין וואָרט צו זאָגן, ווי די קינדער האָבן זיך שוין אַריבערגעבויגן, און דער קאָפּ פאַרשווינדלט זיך ביי זיי, און זיי פאַלן אין וואַסער אַריין.

ווערט די קיניגין שטאַרק דערשראָקן, און לויפט מציל זיין אירע קינדער פון וואַסער — פאַלט זי אויך אַריין און פאַרשווינדט נאָך די קינדער אין דער טיפעניש.

דערפילט דער מלך אַזאַ גרויסן צער אין זיין נשמה, אַז דאָס לעבן ווערט אים ניט ניחא, און ער וויל שוין גאָר מער אויף דער ערד ניט לעבן, נאָר שטאַרבן צוזאַמען מיט זיינע טייערע ווייב און קינדער. לויפט ער מיט גרויס אימפּעט צום טייך און וואַרפט זיך אויך אַריין אין טיפן וואַסער.

ח. אינדערהיים.

ליגט דער מלך אינם וואַסער, און דאָס וואַסער שטופּט אים אַרויס פון זיך. עפנט ער אויף דאָס מויל, דאָס וואַסער זאָל אין אים אַריין — מחמת ער וויל דערטרונקען ווערן, אָבער דאָס וואַסער גייט אים אין מויל ניט אַריין. ער קאָן ניט דערטרונקען ווערן.

דאָס וואַסער האַלט אים, ווי אויף אַ טראָגבעטל, און וואַרפט אים, און שאָקלט אים, און טראָגט אים מיטן שטראָם פון אינד צו אינד אַלץ ווייטער און ווייטער; טראָגט און טרייבט אים אַ טאָג און אַ נאַכט און נאָך אַ מעת־לעת. פאַר־ביי גייען וועלדער און פעלדער, און דערפער, און שטעט, און ער טראָגט זיך מיטן שטראָם — ער געדענקט שוין אַליין ניט, ווי ווייט און ווי לאַנג.

ערשט אין איינעם אַ שיינעם פרימאָרגן האָט אים דער שטראָם אַרויסגעשפּייט אויף אַ ברעג.

ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס און האָט גענו־מען באַטראַכטן דאָס אָרט, וואו ער געפינט זיך, זעט ער: אַ גרויסע שטאָט מיט הויכע מויערן און טורימס שטייט אויפן ברעג. קוקט ער זיך איין — און עפּעס קומט אים דער גאַנצער אויסזען פאַר אַזוי קענטלעך. גייט ער צו דער שטאָט צו. שטייט אַ וואַך ביי די טויערן. טראַכט ער: „מילא, וועט מען מיך ניט אַריינלאָזן — איז ניט, — וואָס האָב איך אָנצוווערן?" גייט ער פאַרביי דער וואַך, און מ'זאָגט אים קיין וואָרט ניט. קומט ער אין שטאָט אַריין, דערזעט די גאַסן — דוכט זיך אים, אַז ער האָט די גאַסן ערגעץ וואו געזען, אַז ער איז וויפיל מאָל איבער זיי געגאַנגען. גייט ער אַ פאַרוואונדערטער, ביז ער קומט צו אַ פיינעם

פּלאַץ, אויסגעפּלאַסטערט מיט קאָלירטע שטיינער און באַ־
זעצט מיט פיינע ביימער. און אויפן שענסטן אָרט פון דעם
פּלאַץ שטייט אַ רייכער פּאַלאַץ פון מירמלשטיין און מיט
אַלערליי געמעלן און מיט אַלערליי אויסגעהאַקטע פון שטיין
און פון בראָנזע בילדער. קוקט ער זיך צו צו דעם פּאַלאַץ —
און אויך דער פּאַלאַץ איז אים אַזוי גוט באַקאַנט. הייבט
ער אָן צו טראַכטן, וואו און ווען האָט ער דאָס געזען, און
ער דערמאָנט זיך, אַז דאָס איז דער קיניגלעכער פּאַלאַץ,
וואָס האָט אַמאָל צו אים געהערט, און פון וואַנען דער
בייזער שטורימווינט האָט אים פּונקט אין אַזאַ שיינעם פרי־
מאָרגן, ווי היינט, אַוועקגעטראָגן.

מאַכט ער פאַר זיך אַ פאַרגלייכונג, וואָס ער איז
אַמאָל געוועזן, און וואָס ער איז היינט, ווערט אים שווער
און אומעטיק אויפן האַרצן. און עס פאַרווילט זיך אים
אַריינגיין אין דעם אַמאָליקן פּאַלאַץ זיינעם, עס פאַרווילט
זיך אים אַזוי שטאַרק, אַז ער קען די תשוקה ניט גובר זיין.

לאָזט ער זיך צום גאַניק, שטייט דאָרט אַ וואַך.
טראַכט ער: „אפשר וועלן זיי מיך דורכלאָזן, ווי די וואַך,
וואָס ביים טויער פון שלאָס. און אויב ניט — וואָס האָב
איך אָנצווווערן?"... און ער גייט, און דאָס האַרץ קלאַפּט
אין אים פון מורא, מען זאָל אים ניט אַראָפּטרייבן, און
פון בענקשאַפט נאָך אַמאָליקע צייטן, ווען ער איז דאָ
אין דעם שלאָס אַ מלך געוועזן. גייט ער ניט זיכער. נאָר די
וואַך לאָזט אים דורך, גלייך ווי זי וואָלט אים גאָרניט באַ־
מערקט. קומט ער אַריין אין פירהויז, און גייט פון פירהויז
אין קאָרידאָר און פון קאָרידאָר, זעט ער, איז אָפן די טיר
אין זיין אַמאָליקן שלאָפצימער. ווילט זיך אים נאָכאַמאָל
אַ קוק טאָן אויף דאָס צימער, גייט ער אַריין און קוקט...

ט. צעריסן דעם גזר.

און ווי ער שטייט אַזוי און קוקט אויף דעם שיינעם געלעגער, פון וועלכן ס'האָט געאָטעמט מיט אַ וואַרימקייט, ווי ערשט וואָלט זיך פון אים אַ מענטש אויפגעהויבן; און אויף די פיינע סאַפּיאַנענע שטיוול, וואָס ליגן לעבן בעט — פונקט אַזעלכע, ווי זיינע אַמאָליקע אין דעם פרימאָרגן, ווען דער שטורימווינט האָט אים פאַרטראָגן — אָפּגעפּוצטע און גרייטע צום אָנטאָן; און אויף די פּאַפּירן, וואָס אויפן טיש, פונקט אין אַזאַ אָרדענונג, ווי ביי אים אין יענעם שרעקלעכן פרימאָרגן, — דערזעט ער פלוצלונג: דער בעט־לער שטייט לעבן טיר מיט דעם שטעקן אין האַנט און מיט דער טאָרבע אויפן זייט.

— פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרטריבן פון מיין היים? — האָט זיך דער מלך פונאַנדערגעוויינט.

— איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט פילן דעם טעם פון נע־ונד זיין, — ענטפערט דער בעטלער.

— אוי, ווי שלעכט עס איז צו זיין נע־ונד אָן אַ היים! — האָט דער מלך געזאָגט — האָב אויף מיר רחמנות, גיב מיר צוריק אָפּ מיין היים.

— רעכט, — זאָגט דער בעטלער. — אָט ביסטו צוריק אינדערהיים.

— פאַרוואָס האָסטו מיך אַזויפיל יאָרן געלאָזט פייניקן זיך אין עלנטקייט, אָרימקייט, דערנידערונג און פאַר־וואָגלטקייט? — האָט דער מלך געפרעגט.

פרעגט דער בעטלער:

— אין וועלכן טאָג פון וועלכן חודש פון וועלכן יאָר

און וויפל אַ זייגער האָסטו מיך דאָס ערשטע מאָל דערזען אינם דאָזיקן שלאָפּצימער.

דער מלך האָט אויסגערעכנט דעם טאָג, דעם חודש, דעם יאָר און דעם זייגער.

זאָגט דער בעטלער:

— רוף עמיצן אַריין און פרעג, וואָס פאַר אַ טאָג איז היינט, און וויפיל איז דער זייגער איצט.

דער מלך האָט אַזוי געטאָן. און דער אַריינגעקומע־נער באַדינער האָט אָנגערופן דעמזעלבן טאָג און דעמ־זעלבן חודש און דעמזעלבן יאָר, וואָס דער מלך האָט גע־זאָגט. נאָר דעם זייגער האָט ער באַוויזן מיט איין פערטל שעה שפּעטער, ווי דער מלך האָט געזאָגט.

— זע, — זאָגט דער בעטלער, — זינט איך האָב מיך דאָס ערשטע מאָל צו דיר באַוויזן ביז איצט, איז אַרי־בער נאָר איין פערטל שעה. איין פערטל שעה האָבן גע־דויערט אַלע דיינע פּיינען, און דו ביסט שוין מער ניט געווען אימשטאַנד זיי ווייטער אַריבערצוטראָגן. ווי־זשע איז די יידן, וואָס דו האָסט געהייסן אַרויסטרייבן פון דיינע מדינות און לאָזן זיי איבער דער וועלט אויף אייביקע אָרימקייט, עלנטקייט, דערנידערונג און וואָגלעניש?

אַז דער מלך האָט עס דערהערט, איז ער צוגעלאָפן צום טיש, וואו ער האָט געוואוסט, אַז דאָרט ליגט דער באַפעל וועגן דער גזרה אויף יידן, האָט געכאַפּט דאָס פּאַפּיר און צעריסן אויף קליינע שטיקלעך און אַרויסגע־וואָרפן דורכן פענסטער, און דער ווינט האָט זיי אונטער־געכאַפּט און צעוויט אויף אַלע פיר זייטן.

דאָס שפּיגעלע

(2)

1. דעם קיניגס ראָוועסניק.

אין אַ גרויסער מדינה איז אַמאָל געווען אַ גליקלעכער קיניג. ער האָט קיין מלחמות ניט געפירט און קיין שלעכסט קיינעם ניט געטאָן. האָט זיך אים געוואָלט וויסן, ווער נאָך איז אויף דער וועלט אַזוי גליקלעך ווי ער.

טראַכט ער, אַז, מסתמא, דער ראָוועסניק זיינער, וואָס איז מיט אים געבוירן אין איין טאָג, אין איין שעה און אונטער איין מזל.

האָט ער געזוכט אין די ביכער, וואו עס ווערן איינגעשריבן אַלע נייגעבאָרענע קינדער אין לאַנד, און האָט געפונען, אַז מיט אים אין איין טאָג, אין איין שעה און אונטער איין מזל איז געבאָרן איינער אַ ייד, חיים, אין אַ קליין שטעטל, ווייט פון דער הויפטשטאָט.

פאַרקליידט זיך דער קיניג אין קליידער פון אַ פשוטן מענטשן און פאָרט אַוועק אין דאָס שטעטעלע, וואו דערדאָזיקער חיים איז געבאָרן, פרעגט זיך נאָך און דערגייט, אַז דאָס איז דער רב פון שטעטל.

לאָזט זיך דער קיניג גיין צום רב אין שטוב אַריין.

2. דער קיניג און דער רב.

זיצט דער רב ביי זיך אין שטוב און לערנט, ערשט עס קומט אַריין אַ פרעמדער מענטש. קוקט ער זיך אַיין און שטעלט זיך גלייך אַוועק און מאַכט די ברכה „ברוך

שחלק מכבודו״, — ווי דער דין איז, בשעת מען דערזעט אַ קיניג.

וואונדערט זיך דער קיניג. „פונדעסטוועגן״, טראַכט ער, „אפשר האָט ער מיך ערגיץ־וואו געזען, און האָט מיך דעריבער דערקענט״.

פרעגט דער רב: „וואָס פאַרלאַנגט דער קיניג?״

ענטפערט דער קיניג: „היות ווי דו ביסט מיין ראָ־וועסניק, בין איך געקומען זען, ווי לעבט זיך דיר, צי דו ביסט גליקלעך, צי ביסטו צופרידן מיט דיין מזל״.

זאָגט דער רב: „קיין בעסערס פאַרלאַנג איך ניט, הלוואי אויף ווייטער ניט ערגער״.

קוקט דער קיניג אויף די ענגע שטובן, אויף די אָרימע מעבל, אויף דעם אָנבייסן פון אַ שטיקל טרוקן שוואַרץ ברויט מיט אַ ציבעלע, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, — קוקט ער אויף דער אָרימקייט און שאָקלט אין ספק מיטן קאָפּ:

— מילא, — זאָגט ער, — איך בין צופרידן — האָב איך מדינות און אוצרות, קנעכט און גבורה, און אַלדאָס גוטס, אָבער מיט וואָס ביסטו צופרידן? וואָס האָסטו?

3. דעם רבס כּיבוד.

דער רב שמייכלט און זאָגט:

— אַז דער קיניג האָט מיך באַערט אין מיין שטוב, וואָלט איך אים געדאַרפט מיט עפּעס מכבד זיין.

לאַכט דער קיניג:

— מיט אַ ציבעלע מיט ברויט...

ענטפערט דער רב:

— אמת, אַ ציבעלע מיט ברויט איז טאַקע ניט קיין מאכל מלכים. נאָר פאָרט האָב איך דאָך, מיט וואָס דעם

קיניג מכבד צו זיין. זאָל מיר דער קיניג שענקען אַ פּאָר מינץ, וועל איך שיקן קויפן.

גיט דער קיניג דעם רב אַ הויפן מינץ. נעמט דער רב איין מטבע, דאָס איבעריקע קערט ער אום צוריק און שיקט די רביצין אין קלייטל נאָך אַ שפּיגעלע.

קומט באַלד די רביצן פון קלייט מיט אַן איינפאַך שפּיגעלע, אַיינגעפּאַסט אין אַ הילצערנעם רעמעלע. נעמט דער רב דאָס שפּיגעלע און דערלאַנגט דעם קיניג.

— וואָס טויג עס מיר? — פרעגט דער קיניג.

— אין אַזאַ שפּיגעלע קאָן מען זען שיינע זאַכן, — ענטפערט דער רב.

קוקט דער קיניג אין שפּיגעלע און זעט מער ניט, ווי זיין אייגן געשטאַלט. צוקט ער מיט די אַקסלען און וואונדערט זיך.

4. וואָס דאָס שפּיגעלע האָט באַוויזן.

זאָגט דער רב צום קיניג:

— כּדי דאָס שפּיגעלע זאָל עפּעס באַווייזן, דאַרף מען פריער וויסן, וואָס וויל מען דערין זען. אָט, למשל, וואָלט דער קיניג אפשר געוואָלט זען דעם טייל ערד, אין וועלכן עס געפינען זיך זיינע מדינות? אויב ער וויל, זאָל ער זאָגן, וועט ער זען.

ענטפערט דער קיניג: „יאָ, איך וואָלט וועלן זען דעם טייל ערד, וואו עס געפינען זיך מיינע מדינות“.

איז ווי ער האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער, אַזוי זעט ער אין שפּיגעלע אַ גרויסער שטיק ערד, מיטן אויג ניט אַרומצונעמען, און וועלדער, און פעלדער, און טייכן, און ימים.

קוקט דער מלך אַ פּאַרגאַפּטער. ער האָט קיינמל אַזאַ גרויס בּילד פאַר די אויגן ניט געזען — אַזויפיל ערד און אַזויפיל הימל, און דאָס בּילד איז געווען אַ לעבּעדיקס — וואָלקנס האָבּן זיך געטראָגן, און טייכן האָבּן געפּלייצט, און דער ים האָט זיך געהויבּן מיט שוימיקע אינדן, און פעלדער האָבּן זיך געכוואַליעט מיט גרינס. דער קיניג האָט די אויגן ניט געקאָנט אָפּרייסן.

וועקט אים דער רב אויף פון זיין פאַרגאַפּטקייט:

— ס'איז שיין? —

— זייער שיין! — ענטפערט דער קיניג.

5. וואָס נאָך האָט דאָס שפּיגעלע בּאַוויזן?

מאַכט דער רב:

— אפשר וויל דער קיניג זען זיינע אייגענע מדינות און שטעט? אויבּ דער קיניג וויל — זאָל ער זאָגן, וועט ער זען.

ענטפערט דער קיניג: — „יאָ, איך וויל זען מיינע אייגענע מדינות און שטעט".

און ווי ער רעדט עס אַרויס פון מויל, אַזוי זעט ער: אין שפּיגעלע האָט זיך דאָס בּילד גלייך אומגעבּיטן. ס'האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שטיק לאַנד פאַר די אויגן, מיט שטעט און מיט דערפער, מיט גערטענער און מיט סעדער צווישן זיי, מיט טייכן און מיט לאָנקעס אַרום זיי. און אויף די לאָנקעס פּיטערט זיך פי, און פּויערים אַרבּעטן אויף די פעלדער, און פישער שפּרייטן נעצן איבּער די טייכן, און קאַראַוואַנעס ציען זיך איבּער די וועגן.

שטייט דער קיניג און קאָן זיך ניט צוזאַט אָנקוקן. בּיז איצט האָט ער קיינמאָל ניט געזען אַלע זיינע מדינות

אין זייער גאַנצער גרייס פּאַר אַמאָל. און איצט, ווען ער האָט זיי געקאָנט מיט איין בליק פון אויג אַלעמען אַרומ־נעמען פּאַר איין מאָל, האָט ער ערשט פאַרשטאַנען, ווי גרויס זיין קיניגרייך איז, און ווי רייך און מעכטיק ער איז.

נאָך דער רב רייסט אים פלוצלונג איבער די גע־דאַנקען:

— וואָס, ס׳איז שיין?

— זייער שיין! — שרייט דער קיניג אויס אַן אַנט־ציקטער.

6. און וואָס דער שפּיגעלע האָט נאָך געוויזן.

זאָגט דער רב:

— דאָס שפּיגעלע קאָן באַווייזן די הויפּטשטאָט, וואו עס שטייט דעם קיניגס שלאָס, מיט אַלע אירע גאַסן, פּלע־צער און מערק. אויב דער קיניג וויל, זאָל ער זאָגן, וועט ער זען.

זאָגט דער קיניג: — „יאָ איך וויל זען מיין הויפּט־שטאָט מיט אירע גאַסן, פּלעצער און מערק“.

און ווי ער רעדט עס אַרויס פון מויל, אַזוי זעט ער: אין שפּיגעלע האָט זיך דאָס בילד שנעל געענדערט. עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גרויסע שיינע שטאָט, מיט אַ שטאַר־קער פעסטונג אַרום איר. שיינע לאַנגע גאַסן האָבן זיך געצויגן פון איין פּלאַץ צום צווייטן, און אויף די פּלעצער האָבן זיך געהויבן גרויסע קלויסטערס מיט הויכע גלאָקנ־טורימס. און גרויסע מערק האָבן אין פאַרשיידענע טיילן פון שטאָט געקאָכט און געררוישט פון המונים קויפער און פאַרקויפער. דער קיניג האָט דערקענט יעטווידע גאַס און יעטווידן בנין.

זאָגט דער רב צו אים:

— אפשר וויל דער קיניג זען זיין אייגענעם פּאַלאַץ און די סאַליעס, אין וועלכע עס געפינט זיך איצט זיין קי־ניגין? אויב דער קיניג וויל, זאָל ער זאָגן, וועט ער זען.

ענטפערט דער קיניג: „יאָ, איך וויל זען די סאַליעס, וואו מיין קיניגין געפינט זיך איצט".

האָבן זיך אין שפּיגעלע באַוויזן ברייטע זאַלן מיט גאָלדענע טאַפּעטן מיט טייערע טעפּיכער אויף די דילן מיט סאַמעטענע און פּליושענע פאָרהאַנגען אויף די טירן און אויף די פענסטער, און אין איינעם פון די־דאָזיקע זאַלן זיצט די קיניגין אויף אַ גאָלדענעם שטול, און לעבן איר שטייט דער ערשטער מיניסטער פון דער קיניגרייך. קוקט דער קיניג אויף זיי, און אים דאַכט זיך, אַז אָט שטייען זיי לעבן אים, נאָר איין טריט ווייט. ער זעט, ווי ביי זיי באַ־וועגן זיך די ליפּן, נאָר הערן וואָס זיי ריידן—הערט ער ניט.

7. וואָס דאָס שפּיגעלע האָט געלאָזט הערן.

פרעגט דער רב ביים קיניג:

— אפשר וויל דער קיניג הערן, וואָס ריידן די קי־ניגין מיט דעם ערשטן מיניסטער? — טאָ זאָל זיך דער קיניג אָנבויגן נענטער צום שפּיגלעל.

בויגט זיך דער קיניג אָן איבערן שפּיגעלע און ער הערט דער קיניגינס קול, ווי זי וואָלט דאָ אין צימער גע־רעדט, און אויך אַזוי קלאָר הערט ער דעם מיניסטערס קול.

דער מיניסטער רעדט צו דער קיניגין:

— אַז דער קיניג וועט צוריקקומען פון וועג, דאַרפסטו מיר העלפן אַריינוואַרפן אים אין תפיסה און טויטן אים. און מיר וועלן ביידע חתונה האָבן, און איך וועל ווערן

קיניג איבערן לאַנד, און איך וועל דיך טייער האַלטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

ענטפערט די קיניגין דעם מיניסטער דערויף:

— איך וועל מיט דיר ניט חתונה האָבן און וועל דעם קיניג ניט טויטן. איך וועל מיין מאַן געטריי בלייבן ביז מיין טויט.

זאָגט דער מיניסטער מיט גרויס צאָרן:

— אויב אַזוי, זאָלסטו שוין שטאַרבן, כדי דו זאָלסט מיר ניט פאַרמסרן פאַרן קיניג.

און ער ציט אַרויס זיין שווערד פון שייד און הייבט זי אויף איבער דער קיניגינס קאָפּ.

דער קיניג דערהערט עס אין שפּיגעלע און ווערט שטאַרק צעקאָכט, דער כּעס צעפלאַמט זיך אין אים ווי אַ פייער, און ער כאַפּט זיין פּיסטויל, צילט זיך אָן אויף דעם מיניסטער אין שפּיגעלע און שיסט אויס. עס דערהערט זיך

אַ קלאַפּ און אַ דרוזג, און דאָס שפּיגעלע צעפּאַלט אויף הונדערט קליינע שטיקלעך.

8. דעם רבס פאַרלאַנג.

בלייבט דער קיניג שטיין אַ צעמישטער — וואָס האָט ער דאָ אָפּגעטאָן! נאָר דער רב לאַכט.

— קיין שאָד, קיין שאָד. סיי ווי וואָלט דאָס שפּיגעלע מער גאָרנישט ניט באַוויזן.

באַרואיקט זיך דער קיניג און הייבט אָן צו לאַכן:

— אָט ווי מען קען עס אַמאָל פון אַ נאַרישקייט ווערן אויסער זיך! — זאָגט ער. — איך האָב גאָר דעם זינען פאַרלאָרן און פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַלץ נאָר אַ פאַרבלענדעניש, און איך בין אין כעס געוואָרן אויף אַן אמת. איצט זיי געזונט, איך דאַרף זיך שוין אומקערן אַהיים.

— זאָל דער קיניג פאָרן מיט גליק, — זאָגט דער רב, — אין אַ וואָך אַרום, וועל איך צו אים קומען צו גאַסט.

— מיטן שענסטן כבוד, — זאָגט דער קיניג, — זאָלסט למען השם קומען, איך הייס מאַכן לכבוד דיר אַ שיינעם מאָלצייט.

— זייער אָנגענעם, — ענטפערט דער רב, — נאָר זאָל מיר דער קיניג געבן דאָס וואָרט, אַז ביז איך וועל קומען, וועט ער קיין דעקרעט פון זיינע מינסטאָרן ניט אונטערשרייבן.

— איך גיב מיין ערנוואָרט, — זאָגט דער קיניג.

און ער צעזעגנט זיך גאַנץ פיין מיט דעם רב און מיט דער רביצין און אָרט אַוועק אין הויפּטשטאָט אַריין צו זיין הויף.

דאָס שפּיגעלע. — זייט 27

9 דער דעקרעט פון די מיניסטאָרן.

איז דער קיניג צוריקגעקומען, און ער דערוויסט דעם הויף אין גרויס צעמישונג. די הויפּטשטאָט איז אומרואיק, די מיניסטאָרן אויפגערודערט. וואָס איז? דערציילט מען דעם קיניג, אַז דער ערשטער מיניסטער איז פּלוצלונג ניט געוואָרן, מען קאָן זיין געביין אַפּילו ניט געפינען, און עס זיינען דאָ עדות, אַז דאָס האָבן די יידן פון דער הויפּטשטאָט דעם מיניסטער געכאַפּט און פאַרפּייניקט אויף טויט. די מיניסטאָרן האָבן שוין אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג וועגן דעם ענין, און מען האָט אַרויסגעטראָגן אַ פּסק־דין, אַז מען זאָל די חשובע באַלעבאַטים פון דער יידישער געמיינדע לאָזן טויטן און די איבעריקע יידן — אַרויסטרייבן פון לאַנד. און ס'איז שוין אָנגעשריבן וועגן דעם אַ דעקרעט, און מען דערלאַנגט דעם דעקרעט צו דעם קיניג אונטערצוחתמענען.

טראַכט דער קיניג: וויבאַלד אַזוי, איז דאָך ניט אַלץ, וואָס ער האָט געזען אין שפּיגעלע, אַ פאַרבלענדעניש. עפּעס איז דאָך דאָ יאָ אַזוינס פאָרגעקומען מיט דעם ערשטן מיניסטער. רעכנט ער אויס: אויב דאָס שפּיגעלע האָט באַוויזן אמת, דאַרף דאָך די קיניגין וויסן. פאַררופט ער צו זיך די קיניגין און פרעגט זי, וואָס איז אַזוינס פאָרגעקומען צווישן איר מיט דעם ערשטן מיניסטער.

ציטערט די קיניגין ווי אַ בלאַט, און וויינט זיך גריילאַך פונאַנדער און לייקנט אַלץ אָפּ:

— איך ווייס גאָרניט.

באַרואיקט זי דער קיניג, אַז ער איז זי אין גאָרנישט ניט חושד, ער וויל נאָר דערגיין, אפשר ווייס זי, וואו גע=

פינט זיך דער ערשטער מיניסטער, אַ לעבעדיקער צי אַ טויטער.

ווײנט זי און זאָגט גאָרניט, שווײגט.

10. אויפן מאָלצײַט.

דערווײל שטײען די מיניסטאָרן צו צום קיניג, ער זאָל חתמענען דעם דעקרעט, באשר דאָס פאָלק איז זײער אומרואיק, וואָס מען האָט נאָך די פאַרברעכער ניט באַשטראָפט. זאָגט דער קיניג, אַז ער וויל פריער מאַכן אַ מאָלצײַט און אויפן מאָלצײַט וועט ער שוין דעם דעקרעט חתמענען. וואַרטן די מיניסטאָרן אויף דעם דעקרעט מיט אומגעדולד.

און דער קיניג אַלײן וואַרט נאָך מיט גרעסערער אומגעדולד. ער זעט, אַז דאָס שפּיגעלע האָט אים ניט אינגאַנצן געלײגט. נאָר למאי שווײגט די קיניגין, למאי איז דער מיניסטער נעלם געוואָרן, צי אפשר האָבן אים טאַקע די יידן געטויט?

ער זעט, אַז ער איז אין אַ גרויסן פּלאָנטער, און ער האָט דעם שכל פאַרלאָרן, און קען דעם פּלאָנטער ניט פונאַנדערנעמען. און ער פילט, אַז נאָר אײן מענטש אויף דער וועלט, דער רב, וואָלט אים געקענט אַלץ קלאָר מאַכן. וואַרט ער אויף דעם רב מיט גרויס אומגעדולד.

לסוף איז געקומען דער טאָג פון מאָלצײַט. מ׳האָט געגרײט טישן אין דעם גרעסטן זאַל, און עס זײנען אַראָפּגעקומען אַלע מיניסטאָרן און די גרעסטע לײט פון דער מלוכה. דער קיניג האָט געוואַרט, דער רב זאָל קומען.

און לסוף איז אויך דער רב געקומען — אין זײן אַלטן מלבוש און אין זײנע אָפּגעריבענע פּאַנטאָפל. די

דאָס שפּיגעלע. — זייט 28

געסט האָבן שטילערהייט אומצופרידן געמורמלט, וואָס מען האָט צוזאַמען מיט זיי ביים טיש אַוועקגעזעצט עפּעס אַן אָרימען יידן.

דערווייל הייבט מען אָן צו טרינקען. טרינקט דער קיניג, טרינקען אַלע געסט, נאָר דער רב רירט זיך צו זיין בעכער ניט צו.

פרעגט אים דער קיניג, למאי ער טרינקט ניט.

ענטפערט דער רב:

— דער ווין האָט ניט קיין גוטן ריח.

ווערן אַלע געסט שטאַרק אויפגעבראַכט, און איינער הייבט זיך אויף און זאָגט:

— זאָל מיר דער קיניג מוחל זיין, איך מוז זאָגן, אַז דער יידישער גאַסט האָט זיך דערלויבט אַ גראָבקייט דערמיט, וואָס ער רעדט שלעכטס אויף דעם קיניגס ווין.

און די איבעריקע הייבן אָן צו טומלען:

— אַ העזה פון אַ יידן!

— דערדאָזיקער שלעפּער האָט, הפּנים, אינדערהיים ביי זיך בעסערן ווין געטרונקען!

— ער מוז באַשטראָפט ווערן פאַר אַזאַ באַליידיקונג!

12. אין ווינקעלער.

דער קיניג זיצט אַ צעטומלטער. ער וואָלט וועלן באַרואיקן די געסט, און אַליין איז ער אויך שטאַרק באַליידיקט פון דעם רבס רייד. פרעגט ער גאַנץ שטרענג ביים רב:

— וואָס וועסטו דערויף ענטפערן?

זאָגט דער רב:

— זאָל דער קיניג אַ שמעק טאָן פון זיין בעכער, וועט ער זען.

טוט דער קיניג אַ שמעק פון זיין בעכער און ער דערפילט אַ ריח גאָר ניט קיין אָנגענעמען, אַזוי אַז ער פאַרקרימט זיך.

הייבן אַלע געסט אָן צו שמעקן פון זייערע בעכערס, זאָגן זיי:

— אמת, עס הערט זיך עפּעס אַ ריח, ווי פון נבלה...

זאָגט דער רב:

— מ׳דאַרף גיין אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָרטן אַזוינס אין קעלער, וואו דער וויין שטייט.

זיינען אַלע מסכּים דערויף. לאָזן זיך אַלע געסט גיין אין וויינקעלער, און דעם קיניגס וויינער גייט פאָראויס, שליסט אויף די טירן פון קעלער. לאָזט זיך דער עולם אַראָפּ פון די טרעפּ — דערלאַנגט עס אַלעמען אַזוי אין באָז אַריין, אַז מען לאָזט זיך גלייך צוריק לויפן.

זאָגט דער רב:

— דאָס טויג ניט, — אַנטלויפן. מען דאַרף זען, וואָס איז דאָ אַזוינס.

האָט מען גענומען זוכן. זוכט מען און מען געפינט ערשט אונטער דער פאַס, פון וועלכער מ׳האָט גענומען דעם וויין צום מאָלצייט, ליגט אַ פּגר אין זאַמד פאַרשטעקט.

ציט מען אַרויס דעם פּגר, מ׳טראָגט אים אַרויס אויף דער ליכטיקייט — זעען אַלע דאָס איז דער ערשטער מי־ניסטער — אַ טויטער.

13. וואָס די אויספאָרשונג האָט באַוויזן.

אָן מאָלצייט האָט מען שוין פאַרגעסן. די מיניסטאָרן

זעצן זיך תיכּף אויף אַ באַראַטונג צוזאַמען מיטן קיניג, און דער רב זיצט אויך דערביי. מ׳פירט אַריין דעם ווייגער — שוין אַ געבונדענעם:

— ביי דיר זיינען דאָך שטענדיק די שליסלען פון קעלער, ווי־זשע קומט אַהין דעם מיניסטערס קערפּער? וואָס האָסטו פאַר אַ שייכות דערצו?

ענטפערט דער ווייגער מיט געוויין:

— איך בין ניט שולדיק, די קיניגין האָט מיר געהייסן באַהאַלטן דעם קערפּער, און איך זאָל קיינעם ניט זאָגן.

ברענגט מען אַראָפּ די קיניגין:

— וואָס ועט די קיניגין זאָגן דערויף?

חלשט זי. מען מינטערט זי אָפּ, דערציילט זי:

— דער מיניסטער האָט מיר געוואָלט אָנריידן צו שלעכטס, נאָר איך האָב ניט געוואָלט הערן, האָט ער מיך געוואָלט טויטן מיטן שווערד. איז אָבער עפּעס פּלוצלונג געשען. ווי דער שווערד האָט זיך אַרויפגעהויבן איבער מיין קאָפּ, איז דער מיניסטער פּלוצלונג געפאַלן טויט. נאָר ניט איך האָב אים געטויט. איך בין ניט שולדיק.

דערהערט עס דער קיניג, הייבן אים אָן צו ציטערן הענט און פיס: ס׳איז אַלץ קלאָר געוואָרן. וויל ער נאָך מער איבערצייגן זיך: — ווען איז דאָס געווען? — פרעגט ער, — און וואו איז דאָס געווען? און ווי ביסטו דעמאָלט געווען אָנגעטאָן?

און די קיניגין ענטפערט אויף אַלע פראַגן: רופט אָן פּינקטלעך דעם טאָג, די שעה און די רגע און גיט אַלע סימנים. און דאָס אַלץ שטימט מיט דעם, וואָס דאָס שפּיגעלע האָט באַוויזן.

איז שוין קיין ספק ניטאָ, אַז דאָס שפּיגעלע האָט אַלץ באַוויזן אמת, שטעלט זיך דער קיניג און זאָגט:

— קיינער איז ניט שולדיק, איך אַליין האָב געטויט דעם מיניסטער.

14 דער קיניג איז מודה.

פאַרשטייט זיך, אַז דעם דעקרעט וועגן די יידן האָט מען גלייך צעריסן, און דער רב האָט זיך געגומען זעגענען מיטן קיניג. זאָגט דער קיניג צו אים:

— מיין ליבער ראָוועסניק. דו האָסט מיט דיין פאַר־באָרגענער חכמה מיך מציל געווען פון פיל שלעכטס. זאָג, מיט וואָס זאָל איך דיך באַשענקען דערפאַר. בעט, וואָס דו ווילסט — איך האָב פיל.

— איך דאַרף גאָרניט, — ענטפערט דער רב — איך בין צופרידן מיט דעם, וואָס איך האָב אַליין.

לאָזט דער קיניג אַראָפּ דעם קאָפּ און זאָגט אַן אומע־טיקער:

— יאָ, דו האָסט געגוג, אפשר נאָך מער ווי איך.

שלמה והמלכס איידים

שלמה המלכס איידים.

א.

שלמה המלך איז געווען קליגער פאַר אַלע מענטשן, שענער פאַר אַלע מאַנסביל, שטאַרקער פאַר אַלע גיבורים, רייכער פון אַלע מלכים. זיינע אוצרות זיינען געפּאַקט געווען מיט זילבער, גאָלד און בריליאַנטן. זיינע שטאַלן — פול מיט די בעסטע פערד פון מצרים. זיינע האַרעמס — מיט טויזנט ווייבער, די שענסטע טעכטער פון די מלכים. פעלקער פון ווייטן און פון נאָענטן האָבן צו אים געטראָגן מתנות. חיות פון די וועלדער און פייגל פון אונטערן הימל זיינען אים געווען אונטערטעניק. ארץ־ישראל האָט ער באַפּוצט מיט שלעסער און מיט פּאַלאַצן פון מירמל־שטיינער און פון צעדערביימער, און אַ בית־המקדש האָט ער אויסגעבויט אין ירושלים פון גאָלד און פון העלפאַנד־ביין. און זין אַ פולע האָט ער געהאַט, אַלע גוטע און שיינע, אַלע גיבורים און חכמים. און ליב האָט אים געהאַט דאָס פאָלק, און שלום איז געווען צווישן אים מיט די אַרומיקע שכנים, די מלכים. קיין זאַך האָט שלמהן ניט געפעלט. און ער וואָלט ניט גע־האַט מער פון גאָט צו פאַרלאַנגען, ווען זיינע ווייבער וואָלטן אים אַ טאָכטער געבוירן.

ב.

איז די שמחה זייער גרויס געווען, ווען עס זיינען געקומען די פרויען, די דינסטן פון האַרעם און האָבן

שלמהן געבראַכט די בשורה, אַז ביי זיין ליבסטער מלכּה איז אַ טאָכטער געבוירן געוואָרן.

שלמה האָט גלייך געהייסן פיל אָקסן און לעמער ברענגען פאַר קרבנות אויפן מזבח, פיל צדקה צעטיילן פאַר די אָרימעלייט פון ירושלים און גרויסע מאָלצייטן מאַכן פאַר אַלע האַרן און פאַר אַלע קנעכט פון די קיניגלעכע פּאַלאַצן. גאַנצענע טעג האָט מען אויף די גאַסן געשפּילט מוזיק, און ביידערנאַכט איז די גאַנצע שטאָט געווען באַלויכטן מיט פייערן.

און שלמה איז געזעסן אין טראָנזאַל אויף זיין גאָלדענעם שטול, און האָט פון אַלע שטאָטלייט מזל-טוב אויפגענומען, און מיט אַלעמען פריינדלעך גערעדט, און אַלעמען מיט ליבשאַפט אויסגעהערט, און אַלעמענס בקשות צוגעזאָגט צו דערפילן. און שפּעט אינדערנאַכט, ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען אַהיים שלאָפן, האָט ער זיך געזעצט לעבן דער קינפּעטאָרין, גענומען דאָס נייגעבוירענע טעכטערל אויף אַ זיידן קישעלע אויף די קני, האָט געקוקט דערויף מיט גרויס פאַרגעניגן און געטראַכט וועגן דעם, ווי דאָס עופעלע וועט אויסוואַקסן, און ער וועט פאַר איר אַראָפּנעמען אַ מאַן—דעם שענסטן און דעם שטאַרקסטן און דעם רייכסטן פון די מלכים.

ג.

זיצט אַזוי שלמה פאַרטראַכט אין גליקלעכע געדאַנקען, און פּלוצלונג דערהערט ער, ווי צוויי מייזעלעך שמועסן צווישן זיך אונטער דער בעט ביי דער קינפּעטאָרין. און שלמה המלך האָט פאַרשטאַנען די שפּראַך פון אַלע חיות

שלמה המלכס איידעס. — זײט 37

און עופות. הערט ער, ווי איין מויז, די עלטערע, די מאַמע זאָגט צו דער יינגערער, צו דער טאָכטער, מיט אַ געלעכטער

— כאַ־כאַ־כאַ! דער קיניג מאַכט מאָלצייטן, זיינען די קיכן פול מיט עסנוואַרג, די עסצימערן — מיט ברעקלעך, וואָס פאַלן פון די טישן. האָבן מייזלעך, וואָס צו עסן. אומזיסט חלומט ער אַזעלכע חלומות מיט דעם טעכטערל אויף די קני.

פרעגט די יונגע מויז די טאָכטער:

— וואָס־זשע חלומט דער קיניג?

ענטפערט די עלטערע מויז:

— ער חלומט, אַז ער וועט פאַר דאָס טעכטערל אַראָפּ־נעמען אַ מאַן — דעם שענסטן און דעם רייכסטן פון אַלע מלכים, וואָס אין מזרח און אין מערב. און ער ווייס ניט, אַז זיין איידים וועט זיין דער גרעסטער אָרימאַן אינגאַנצן לאַנד כנען, אַ פשוטער בעטלער־זון.

האָבן זיך ביידע מייזלעך פונאַנדערגעלאַכט. און שלמה איז גריילעך אין כעס געוואָרן און האָט זיי פאַרטריבן אין זייערע לעכער אַריין.

ד.

שלמה המלך האָט שוין יענע נאַכט ניט געשלאָפן און אויך אַ פולע נעכט נאָכדעם. די גאַנצע שמחה איז פאַר־שטערט געוואָרן. די געסט זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און די מוזיק אין די גאַסן איז אַנטשטומט געוואָרן, ווייל שלמה איז אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער און אַ פאַרצאָגטער. אים איז זייער ניט אָנגעשטאַנען, וואָס זיין איידים וועט זיין אַ פשוטער מענטש, און לא־די וואָס אַ פשוטער מענטש, וועט ער נאָך זיין אַ בעטלערס אַ זון.

ער האָט געטראַכט אין צאָרן:

— זיי ליגן, די מיאוסע באַשעפעניש, די קליינע שרצים. פונוואַנען ווייסן זיי? זיי האָבן גלאַט אַזוי זיך גע־פּלוידערט. זיי האָבן מיך געוואָלט רייצן. איך וועל אויף זיי אָנשיקן די פלינקע קעץ, און זיי וועלן אַלע מיינז אינ־גאַנצן לאַנד אויסראָטן.

נאָר צוריק פלעגט ער אַ טראַכט טאָן:

— און טאָמער זאָגן זיי פּאָרט אמת?

איז שלמה אַרומגעגאַנגען גאַנצענע טעג אַן אומצו־פרידענער. און ביידערנאַכט האָט ער ניט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער פלעגט נעמען דאָס קליינע טעכטערל אויף די הענט און קוקן דערויף מיט גרויס צער און טראַכטן:

— ווי פאַרהיט מען דיך, מיין טייער טאָכטער, פון דעם אומגליק? ווי פאַרהיט איך דיך, דו זאָלסט ניט אַריינ־פאַלן צו דעם בעטלער אין די הענט?

ה.

און שלמה האָט מיט זיין גרויסער חכמה עפּעס צו־געטראַכט.

ער האָט אויסגעזוכט צווישן די בערג און צווישן די אָפּגרונטן אַזאַ אָרט, וואָס קיין לעבעדיקער מענטש קאָן אַהין ניט צוקומען. ער האָט צונויפגעטריבן קנעכט פון גאַנצן לאַנד און מייסטערס פון צור און צידון און פון אַלע אַנ־דערע לענדער. און מען האָט אויסגעבויט איבער די אָפּ־גרונטן בריקן צו די הויכע פעלזן. און אויף דעם העכסטן פון די שפּיצן און צווישן די טיפסטע פון די אָפּגרונטן האָט מען אויסגעבויט אַ שלאָס מיט אַ הויכן טורים מיט אַייזערנע טויערן. און מען האָט אַהין אָנגעבראַכט שאָף און רינדער

און עופות. און מען האָט אַהינצו אָנגעפירט מעל און גרויפּן און פּירות. און אָנגעפילט די קעלערס מיט בוימל און מיט וויין, אַז עס זאָל קלעקן פֿאַר אַ פולע מענטשן אויף אַ פולע=אַ פולע יארן, צו לעבן אין רחבות, און קיין זאַך זאָל ניט פעלן.

און אין דעמדאָזיקן שלאָס האָט שלמה געבראַכט זיין טאָכטערל מיט איר אַם און מיט אירע דינסטן, און האָט זיי דאָרט געלאָזן. די טויערן פאַרשלאָסן, דעם שליסל צו זיך גענומען, און ביי זיך פאַרשלאָסן אין אַן אייזערנעם קאַסטן; און אלע בריקן, וואָס פירן צום שלאָס, געהייסן פאַרברענען און חרוב מאַכן. און אויף אַלע זייטן אַרום און אַרום אין די בערג און אויף די בערגן פון די אָפּגרונטן— אויסגעשטעלט באַוואָפנטע שומרים, זיי זאָלן היטן, אַז קיין מענטש זאָל זיך ניט דערוועגן צוגיין, ביז ער, שלמה המלך אַליין, וועט ניט קומען, ווען די טאָכטער וועט אַכצן יאָר אַלט ווערן, מיט דעם חתן, וואָס ער וועט פאַר איר אויסדערוויילן פון די רייכסטע און שטאַרקסטע צווישן די מלכים אויף מזרח און מערב.

אַזוי האָט שלמה המלך גערעכנט צו פאַרהיטן זיין טאָכטער פון אַ בעטלער אַ מאַן, אין פאַל אויב די מייזלעך האָבן אמת געזאָגט.

ו.

אַזוי איז שלמהס בת=מלכה געוואַקסן אָפּגעהיט און אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט, אַז קיין פרעמד אויג זאָל ניט קענען אויף איר קיין בליק טאָן, און זי זאָל אויף קיין פרעמדן מאַן קיין אויג ניט קענען אויפהויבן. די שטאַלן, די קעלערס און די שפייכלערס זיינען מיט כל=טוב פול גע=

וּוען. און די דינסטן זיינען אַלע געווען יונגע און פריי־
לעכע. און די בת־מלכּה זייערע האָבן זיי שטאַרק ליב גע־
האַט און וועגן איר געזאָרגט און זי געהיט, ווי דאָס אויג
אין קאָפּ, און ניט געלאָזן איר אומעטיק זיין און בענקען.
און שטענדיק איז געווען שמחה וששון אין שלאָס אויף די
בערג. טענץ און שפּילן און געלעכטערן און מאָלצייטן.

און אַז די טענץ און שפּילן און די געלעכטערן און
מאָלצייטן פלעגן דערעסן ווערן, פלעגט די יונגע בת־מלכּה
אַרויפגיין אויפן דאַך פון שלאָס און פון הויכן טורים קוקן
אינדערווייטן. און אַריבער די בערג און אַריבער די טאָלן
האָבן זיך געצויגן ברייטע פעלדער מיט גרינע וועלדער,
מיט בליענדיקע וויינגערטנער, ווייט־ווייט ביזן סאַמע ברעג
פון ים, און דאָרטן—ביז דעם שיינענדיקן ים מיט די הויכע
כוואַליעס ביזן בלויען הימל און ביזן עק וועלט.

דעמאָלט פלעגט די בת־מלכּה אָפטמאָל אָנהייבן בענקען.
זי האָט אַליין ניט געוואוסט, נאָך וואָס און נאָך וועמען.

אַזוי זיינען געגאַנגען יאָרן נאָך יאָרן. שלמה המלך
האָט שוין פונאַנדערגעשיקט שלוחים איבער אַלע מדינות
פון מזרח און פון מערב אויסצוזוכן אַ פּאַסיקן בן־מלך פאַר
אַן איידים.

ז.

איז אויף איינעם פון די וועגן אין כנען געגאַנגען
אַן אַלטער בעטלער מיט זיין יונגן זון פון איין דאָרף אין
אַ צווייטן נדבות קלייבן. און דער וועג איז געווען אַ שווע־
רער. הויכע בערג און טיפע טאָלן האָבן אים איבערגע־
שניטן, און שאַרפע שטיינער האָבן אים אַיינגעדעקט. און
אַ טרוקענער שטויב איז איבער אים געהאַנגען. און קיין

שאָטן פון קיין געוויקס איז אַרום ניט געווען, און די זון האָט געברענט, ווי אַן אָנגעגליטער אויוון.

ביי דעם אַלטן בעטלער און ביי זיין זון זיינען די פיס געווען צעבלוטיקט פון די שטיינער, און די ליפּן צע־שפּאָלטן פון שטויב און פון היץ און דער הונגער האָט זיי גריילעך געפּייניקט, און די כוחות זיינען זיי אויסגעגאַנגען פון וואַנדערן.

זאָגט דער אַלטער בעטלער צו זיין זון:

— איך קען מער ניט גיין אין וועג. מיינע כוחות גייען מיר אויס. געקומען די צייט מיינע, איך זאָל אַוועק צו מיינע עלטערן.

און ער האָט זיך געלייגט אויף דער ערד אין שטויב צוגעמאַכט די אויגן, געטאָן אַ זיפץ און די נשמה אַרויס־געלאָזן.

ח.

דער יונגער זון האָט אָן אַ זייט ביים וועג מיט אַ שאַרפן שטיין אַ גרוב געמאַכט, דעם אַלטן טאַטן באַגראָבן, פאַרשאָטן, אַ שטיין אויפן קבר אויפגעשטעלט, אַז פאַרביי־גייענדיקע זאָלן פאַר זיין נשמה גאָט בעטן, און ווער עס האָט גוטסקייט אין האַרצן, זאָל דאָ אַ בוים פאַרפלאַנצן.

און ער האָט זיך געזעצט ביים קבר אויפן שטיין און געטראַכט:

— וואָס זאָל איך איצט טאָן, איך, איינזאַמער און עלנטער אויף דער גאָרער וועלט? וואוהין זאָל איך גיין אַז איך האָב ניט קיין היים און קיין קרוב און קיין נפש, וואָס זאָל פאַר מיר זאָרגן און מיך ליב האָבן? און אויף, וואָס זאָל איך נאָך האָפן, אז איך בין אין אַזאַ ביטערן מזל

געבוירן געוואָרן? און וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיינע כּוחות זיינען מיר אַזוי שוואַך געוואָרן?

טראַכט ער נאָך:

— סיידן אויסגראָבן אַ צווייטע גרוב לעבן מיין טאַטנס און לייגן זיך און שטאַרבן, ווי ער.

טוט ער אַזוי. וויקלט זיך איין אין די אַלטע שמאַטעס, וואָס ער האָט געהאַט, און אין דעם טאַטנס טאָרבעס, וואָס זיינען אים געבליבן ירושה, און לייגט זיך אַריין אין דער צווייטער גרוב, וואָס ער האָט אויסגעגראָבן. ליגט ער און וואַרט, דער טויט זאָל קומען און מיט זיין טאַטן אים באַהעפטן; ליגט ער אַזוי אַ טרויעריקער, ביז ער ווערט אַנטשלאָפן.

ט.

און ווי ער ליגט דאָ אַזוי אין שווערן טרייסטלאָזן שלאָף פאַרזונקען, קומט אָן פונדערווייטן אַן אָדלער צו־פליען. דער שאָטן פון זיינע שטאַרקע פליגלען האָט פאַר־דעקט דער גאַנצן וועג און נאָך מער. און מיט די שאַרפע אויגן זיינע קוקט ער אַראָפּ צו דער ערד, און זוכט רויב פאַר זיך און פאַר זיינע קינדער. זעט ער: אין גריב ליגט דער יונגער זון דעם בעטלערס, הייבט ער אָן צו קרייזן איבער אים אין דער לופטן, און זיינע קרייזן ווערן אַלץ שמעלער און שמעלער, און נידעריקער און נידעריקער; און דעמאָלט טוט ער אַ פאַל אַראָפּ אויפן בחור, ווי אַ שטיין, צעפּעט זיך איין מיט די אַייזערנע נעגל אין די שמאַטעס און אין די טאָרבעס, אין וועלכע דער בחור איז פאַרוויקלט; טוט זיך אַ הויב מיט אים אין דער לופטן, און פליט מיט אים אַוועק איבער די בערג און איבער די טאָלן און איבער די טיפע אָפּגרונטן און איבער די שאַרפע פעלזנשפּיצן אַהין,

שלמה המלכס אײרעס. — זײט 43

וואו זיין נעסט איז, און וואו זיין אָדלערטע מיט די קינ־
דער וואַרטן אויף זיין רויב.

ליגט אים דער וועג איבער דאָס אָרט, וואו דער שלאָס געפינט זיך, וואָס שלמה האָט פאַר זיין טאָכטער געלאָזט אויסבויען, און וואו די יונגע בת־מלכּה איז אַן אָפּגעזונדערטע פון דער גאַנצער וועלט, און וואו זי שטייט אויפן דאַך פון איר טורים און בענקט און ווייס אַליין ניט, נאָך וואָס און נאָך וועמען. און ווי ער פליט, דער אָדלער, איבער דעם טורים, אַזוי בינדן זיך פונאַנדער די שמאַטעס און די טאָרבעס, וואָס דער בחור איז אין זיי פאַרוויקלט, און דער בחור גליטש זיך אַרויס און פאַלט אַראָפּ אויפן דאַך פון טורים צו די פיס פון שלמהס בת־מלכּה.

י.

אַ גרויסער טומל איז געוואָרן אין שלאָס, ווי דער בחור איז אַראָפּגעפאַלן. ער איז געווען אַ געהלשטער, און מען האָט אים אָפּגעמינטערט און אויסגעוואַשן, און אין אַ בעט אַריינגעלייגט, און אָנגעוואַרימט, און עסן געגעבן און טרינקען געגעבן, ביז ער איז צו זיך געקומען.

די יונגע בת־מלכּה איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן, האָט אים געהיט זיין עסן און זיין טרינקען, זיין שלאָפן און זיין וואַכן, ביז ער איז געזונט געוואָרן. און אַז ער איז געזונט געוואָרן, האָט זי אים געטרייסט אין זיין איינזאַמקייט און געטריבן זיין אומעט מיט אירע לידער און מיט אירע טענץ און מיט אירע שפּילן, ביז ער איז מונטער געוואָרן און אַלע זיינע פריערדיקע פּיינען פאַרגעסן.

און דעמאָלט איז שוין צו דער בת־מלכּה קיינמאָל קיין בענקשאַפט אין האַרצן ניט געקומען. אַז עס פלעגן

דערעסן די שפּילן און די געזאַנגען און די מאָלצייטן אין שלאָס, פלעגט זי אַרויס אויפן דאַך פון טורים צוזאַמען מיטן בחור און זיי האָבן ביידע געקוקט אין די שיינע ווייטן אין צוזאַמען פאַרגעניגן געהאַט. און איינמאָל האָבן זיי זיך אַזוי שטייענדיק אויפן דאַך דאָס וואָרט געגעבן, איינע די אַנדערע צו ליבן, און מאַן און ווייב צו ווערן, און אויף אייביקע געטריישאַפט זיך געשוואָרן.

יא.

און שלמה המלך האָט אין זיסע טרוימען וועגן דעם גליק פון זיין געליבטער טאָכטער מיט אומגעדולד געוואַרט, ווען איר וועט דאָס אַכצנטע יאָר ווערן, און ער וועט זי פון איר שלאָס אַרויסנעמען און צו דער חופה פירן מיט אַ געהויבענעם בן-מלך.

און אַז דידאָזיקע גליקלעכע צייט איז געקומען, האָט ער ווידער צונויפגעטריבן קנעכט פון גאַנצן לאַנד און מייסטערס פון אַלע לענדער; און מען האָט צוריק די בריקן אויפגעבויט, און שלמה האָט דעם שליסל פון אייזערנעם קאַסטן אַרויסגענומען, און מיט די שענסטע האַרן זיינע און מיט זינגער און טענצערינס און מוזיקאַנטן זיך צום שלאָס אַוועקגעלאָזן, און די טויערן אָפּגעעפנט מיט גרויס שמחה און מיט גרויס פּאַראַד.

און באַגעגנט אים האָט די טאָכטער זיינע מיט דעם בעטלער-זון געאָרעמט.

און ניט מיט דעם בן-מלך, וואָס ער האָט פאַר איר צוגעגרייט, נאָר מיט דעם בעטלער-זון, וואָס זי האָט ליב געהאַט, האָט שלמה די טאָכטער זיינע צו דער חופה געפירט.

משיח דער דערלייזער

משיח דער דערלייזער.

.1

די גאָרע וועלט וואַרט, אַז עס זאָל קומען משיח און אויסלייזן די וועלט פון צרות. אַז משיח דער דערלייזער וועט קומען, וועלן ניט זיין קיין אָרימע און רייכע, קיין שוואַכע און שטאַרקע, קיין באַצווינגער און אונטערדריקטע. וועלן אַלע טויטע—לעבעדיק ווערן, אַלע טרערן אָפּגעווישט ווערן, אַלע ווייטאָגן — געגעזן ווערן. אַז משיח דער דערלייזער וועט קומען, וועלן אַלע פוסטעביימער — פרוכט געבן, אַלע וויסטע ערטער — מיט בלומען בליען, אַלע טאָג — די זון שיינען. אַז משיח דער דערלייזער וועט קומען, וועט דער לייב ווי די קו עסן גראָז, און דער וואָלף וועט זיך פיטערן צוזאַמען מיטן שעפל, און אַ קליין יינגל וועט זיי אין פעלד אַרויספירן. משיח וועט ברענגען דאָס גליק אויף דער ערד.

וואַרט די גאָרע וועלט, אַז משיח זאָל קומען. קומט ער ניט היינט — וועט ער קומען מאָרגן. און אויב ער קומט מאָרגן אויך ניט, היט מען דאָך די גאָלדענע האָפענונג אין האַרצן און מען וואַרט מיט געדולד, מיט געדולד.

.2

האָבן צוויי בחורים געלעבט אויף דער וועלט און זיי האָבן קיין געדולד ניט געהאַט. יונגע זיינען זיי געווען, הייסע הערצער האָבן זיי געהאַט. דאָס גליק פון דער וועלט

האָט פאַר זיי אין חלום, ווען זיי האָבן געשלאָפן, און אין דמיון, ווען זיי האָבן געוואַכט, מיט אַזעלכע בלאַנקע פאַרבן געשיינט, מיט אַזאַ שטאַרקן כּישוף די נשמות זייערע גע־פאַנגען, אַז זיי האָבן דעם אומגעדולד זייערן ניט געקענט גובר זיין. זיי האָבן ניט געוואָלט וואַרטן.

— זאָל שוין קומען דער שיינער, דער ליכטיקער משיח, און מיט אים צוזאַמען — דאָס גליק אויף דער ערד!— האָבן זיי געוואָלט.

— סיידן ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז דאָ ליידט מען צרות אויף דער ערד, — זיינען זיי ברוגז געווען.

— אויב ער אַליין קומט ניט, און מענטשן ווייסן דעם וועג ניט, ווי צו אים צוצוקומען, דאַרף מען זיך לאָזן זוכן!— האָבן זיי באַשלאָסן.

האָבן די בחורים פאַרלאָזן טאַטע־מאַמע און קרובים, רבי און חברים; היים און בית־מדרש, און זיינען אַוועק זוכן דעם וועג צו משיחן, ברענגען אים, ווייל ס'איז שוין צייט, די וועלט זאָל פון צרות דערלייזט ווערן.

3.

זיינען די בחורים אַוועק, זיינען זיי געגאַנגען איבער וועגן און שטעגן, און ניט מיד געוואָרן; פאַרביי שטעט און פאַרביי דערפער — און זיך ניט אָפגעשטעלט; דורך פעל־דער און דורך וועלדער — און זיך ניט אָפגעשראָקן. וואו זיי האָבן געטאָגט — האָבן זיי ניט גענעכטיקט, און וואו זיי האָבן גענעכטיקט — האָבן זיי ניט געטאָגט. ביז זיי זיינען אַדורך אַלע וועגן און שטעגן, אַלע פעלדער און וועלדער, אַלע שטעט און דערפער, און געקומען צו דעם



משיח דער דערלייזער. — ז״ט 49

גרויסן וויסטן מדבר. און דאָ איז קיין וועג ניט געווען, דאָ האָט קיין מענטש ניט געלעבט, און ביי וועמען צו פרעגן, ווי ווייטער צו גיין, האָבן די בחורים ניט געהאַט. נאָר איין דאַרער בוים איז געשטאַנען, מיט צעבראָכענע צווייגן און מיט צעפּלאַצטער קאָרע.

האָט די וויסטעניש דעם ווילן פון די בחורים ניט אָפּגעשראָקן, די היץ פון זייער האַרצן ניט אויסגעקילט. אומקערן זיך אַהיים אָן משיחן האָבן זיי ניט געוואָלט; זען טאַטע-מאַמע, איידער די וועלט איז דערלייזט, האָבן זיי ניט געטראַכט.

4.

האָבן די בחורים זיך צו דעם דאָרן-בוים געווענדט:

— בוים, דו בוים! דיך באַשווערן מיר, דו זאָלסט אונז זאָגן, דו זאָלסט אונז ווייזן דעם וועג צו משיחן! —

האָט דער בוים געטאָן אַ קנאַק מיט די דאַרע צווייגן, אַ ציטער — מיטן טרוקענעם שטאַם און אָנגעהויבן ריידן:

— די אומרחמנותדיקע זון האָט מיך געברענט, דער בייזער ווינט האָט אויף מיר זאַמד געשאָטן, דער וואָלקן האָט מיר קיין רעגן ניט געשיקט, דער פאַרנאַכט — קיין טוי ניט געבראַכט. בין איך פאַרדאַרט געוואָרן, צעטריקנט שטיין געבליבן. איך אַליין וואַרט אויף משיחן, ער זאָל קומען, אַלדאָס בייז פון דער וועלט אָפּרוימען, אַלדאָס גליק אויף דער וועלט ברענגען, אַלע קראַנקע היילן, אַלע טויטע לע-בעדיק מאַכן. נאָר דעם וועג צו אים ווייס איך ניט. גייט רעכטס, נאָכדעם לינקס, וועט איר קומען צו אַ קוואַל. דאָרט פּלייצן פרישע וואַסערן פון דער ערד, וואַקסן גרינע גראָזן,

בליען שיינע בלומען, דאָרט איז לעבן. אפשר ווייס דער קוואַל עפּעס, וועט ער אײַך זאָגן. —

5.

זיינען די בחורים געגאַנגען — רעכטס, נאָכדעם לינקס, ווי דער בוים האָט זיי געזאָגט. זייערע פיס האָבן געזונקען אין טיפע זעמדער, און זייערע לייבער האָבן זיי פאַרוואונדעט אָן שאַרפע דערנער, נאָר זייער ווילן איז ניט געמינערט געוואָרן, ביז זיי זיינען געקומען צו אַ קוואַל, וואו ס'האָבן געפּלייצט פרישע וואַסערן פון דער ערד, און בלומען האָבן געבליט, און פייגל האָבן געזונגען. האָבן די בחורים געזאָגט צו דעם קוואַל.

— קוואַל, דו קוואַל! מיר באַשווערן דיך, דו זאָלסט אונז זאָגן, דו זאָלסט אונז ווייזן דעם וועג צו משיחן! —

האָט דער קוואַל געטאָן אַ ציטער מיט זיין גלאַטקייט און אַ שעפּצע — מיט זיינע כוואַליעס, און אָנגעהויבן ריידן:

— שלאַנגען און עקדישן האָבן זיך באַזעצט אויף מיין גרונט און צעבויטען מיר מיין ריין וואַסער פון אונטן, און די ווינטן פון דער מדבר פאַרשיטן מיך מיט שטויב און מיט זאַמד, באַטריבן מיר מיין ריין וואַסער פון אויבן. און דער רויבער דער שפּאַרבער וואַשט זיין פאַרבלוטיקטן שנאָבל אין מיר בייטאָג, און די רויבערין די סאָווע — איר פאַרבלוטיקטן שנאָבל ביידערנאַכט. בין איך טונקל, בין איך טריב, בין איך אומריין. איך אַליין וואַרט אויף משיחן, ער זאָל קומען, אַלדאָס אומריינקייט פון דער וועלט אָפּרוימען, אַלדאָס שיינקייט אויף דער וועלט ברענגען, אַלע טריבע — לויטער מאַכן, נאָר דעם וועג צו אים ווייס איך ניט. גייט



משיח דער דערלייזער. — זייט 51

רעכטס, נאָכדעם לינקס, וועט איר קומען צו אַ באַרג, דאָרטן הויבן זיך פעלזן ביז הימל, טיפן זיך טאָלן ביז אָפּגרונט, ציען זיך היילן ביז דעם האַרצן פון דער ערד. דאָרט שוועבן אַלע סודות אין די שאָטנס—אפשר וועט דער באַרג עפּעס, וועט ער אײַך זאָגן. —

6.

זיינען די בחורים געגאַנגען—רעכטס, נאָכדעם לינקס, ווי דער קוואַל האָט זיי געזאָגט. זייערע פיס האָבן געשטרויכלט אין גריבער און זיך צעשלאָגן אָן שטיינער, נאָר זייער ווילן איז ניט שוואַכער געוואָרן, און זייער גרייטקייט אַלץ איבערצוטראָגן איז געווען גאַנץ און פריש, ווי אין דעם ערשטן טאָג, וואָס זיי זיינען אַרויס פון דער היים. זיינען זיי געקומען צו אַ הויכן באַרג, וואָס איז געשטאַנען אויפן גרעניץ פון דער מדבר. ביז הימל האָבן זיך געהויבן די שפּיצן פון דעם באַרג, און ביז אָפּגרונט האָבן זיך געטיפט זיינע טאָלן. האָבן די בחורים צו אים געזאָגט:

— באַרג, דו באַרג! מיר באַשווערן דיך, דו זאָלסט אונז זאָגן, דו זאָלסט אונז ווייזן דעם וועג צו משיחן.

האָט דער באַרג אויסגעגלייכט זיין שטאָלצן רוקן, אַראָפּגעשאַרט די וואָלקנס פון זיין פנים און אָנגעהויבן ריידן:

— אויף דער ברוסט פון דער ערד שטיצן זיך מיינע קנעכלעך, אין האַרצן פון הימל איז איינגעשפּאַרט מיין קאָפּ. אַלע סודות פון הימל און פון ערד זיינען באַהאַלטן אין מיינע אינגעווייט. אַלע וואונדער הויערן אויף מיינע וועגן. איך עפן זיי פאַר אייך. גייט, זוכט, פאָרשט, נישטערט. ווער עס האָט מוט, יענער קאָן אין מיר געפינען אַלץ, וואָס ער דאַרף.

7.

זיינען די בחורים געגאַנגען, האָבן געקלעטערט, זיך געדראַפּעט באַרג אַרויף און טאָל אַראָפּ; איבער שטיילע פעלזן, איבער טיפע אָפּגרונטן, איבער גלייכע ווענט. האָבן זיך צעריסען די פּיאַטעס און די קני און די הענט אָן שאַרפע שטיינער. נאָר זייער מוט איז ניט געפאַלן, און זייער ווילן—ניט קלענער געוואָרן. זיי זיינען געגאַנגען אַלץ ווייטער, געקלעטערט אַלץ העכער, פאַרגאַנגען אַלץ טיפער און אַלץ ווייטער. און אַלע וועגן זיינען זיי דורכגעגאַנגען, און אויף איינעם פון די וועגן געפונען אליהו הנביא.

האָבן די בחורים זיך געבוקט פאַר אליהו הנביא און געזאָגט:

— אליהו, אליהו! מיר באַשווערן דיך, דו זאָלסט אונז זאָגן, דו זאָלסט אונז ווייזן דעם וועג צו משיחן!

האָט אליהוס פנים אָנגעהויבן שיינען מער ווי די זון, ער האָט געזאָגט:

— דריי טויזנט יאָר זיץ איך איבער דעם שפּיץ פון דעם באַרג. איך קוק אַראָפּ אין דער נידער צו דער ערד, זע די צרות פון דער וועלט, הער די זיפצן פון די, וואָס וואַרטן אויף דערלייזונג, און קיינעמס האַרץ צעפלאַמט זיך ניט מיט אומגעדולד, און קיינעמס ווילן צינדט זיך ניט אָן מיט מוט, און קיינעמס מוט — מיט העזה און מיט וואַגן, צו לאָזן זיך אין די וועגן און אין די אומוועגן, וואָס פירן צו משיחן און צו דער דערלייזונג פון דער וועלט.

— דריי טויזנט יאָר זיץ איך איבער דעם שפּיץ פון דעם באַרג און וואַרט אויף אייך, איר יונגע, איר הייסע, איר אומגעדולדיקע; איר ערשטע, באַגייסטערטע, מוטיקע.

וועגן אייך איז געווען מיין חלום, נאָך אייך — מיין בענק־שאַפט. צו אייך — מיין ליבשאַפט, איר די ערשטע, וואָס האָבן געוואַגט צו לאָזן זיך איבער די אומוועגן, וואָס פירן צו משיח, דעם דערלייזער פון דער וועלט.

— אויף אייך—מיין ברכה, ליבע, טייערע,—זייט מיר געבענטשט!

8.

און אליהו האָט די בחורים באַוויזן דעם וועג און געלערנט, וואָס זיי זאָלן טאָן. און די בחורים זיינען אַוועק, און געגאַנגען, און געקומען צו דעם אָרט. דאָס איז געווען עק וועלט. דאָ איז געשטאַנען אַ מירמלנער פּאַלאַץ מיט קריסטאָלענע פענסטער, מיט גילדערנע טירן. און דאָ האָט באַר די זון געשיינט, און דער טאָג געהעלט. קיין ווינט האָט ניט געבלאָזן צו שטערן די רו, קיין שטויבעלע האָט זיך ניט באַוועגט צו וועקן די שטילקייט, און קיין פליגעלע, איז ניט געפלויגן איבערצורייסן דעם טיפן שלאָף וואָס משיח, דער אויסלייזער פון דער וועלט, האָט גע־שלאָפן.

אויף אַ העלפאַנדביינערנע בעט איז ער געלעגן. זיין קערפּער איז געווען שטאַרק, זיין פּנים יונג און זיין שלאָף לייכט. און זיינע שיך — לעם די פיס, און זיינע קליידער — ביי דער זייט, און זיין שטעקן — ביי דער האַנט, — גרייט צום רוף פון וואַכעדיקן לעבן אויפצוכאַפּן זיך, אָנצוטאָן זיך און אין וועג צו לאָזן זיך, די וועלט צו דערלייזן. באַר מען זאָל אים וואַסער אויף די הענט גיסן, די אומריינקייט פון פאַרכישופטן שלאָף פון זיינע אויגן אַראָפּצוואַשן.

.9

האָבן די בחורים אָפּגעפּנט די גילדערנע טירן און זיינען אַריין אין פּאַלאַץ. ווי נאָר די טיר האָט זיך אויף די האָקנס אַ קער געטאָן, און ווי נאָר די זוילן פון די בחורימס פיס האָבן די ערד פון דעם זאַל באַרירט — האָט זיך משיח אויף זיין געלעגער אויפגעזעצט. זיין פּנים האָט אָנגעהויבן שטראַלן מיט דערוואַכונג, זיינע אויגן — ברענען מיט דערלייזונג. ער האָט זיינע שלאַנקע, ווי פון זילבער אויסגעגאָסענע, הענט אויסגעשטרעקט...

אַ קריסטאָלענער קרוג איז געשטאַנען לעבן בעט, אַ פולער מיט וואַסער. דריי טויזנט יאָר האָט זיך פון אים קיין טראָפּן ניט אויסגעדעמפּט, און קיין שטויבעלע אין אים ניט געפאַלן. דריי טויזנט יאָר איז ער גרייט געשטאַנען אויף די הענט פון משיחן אויפצוגיסן. נאָר די בחורים האָבן אים ניט געזען.

דער גלאַנץ פון משיחן, די שיין פון זיין דערהויבנקייט און די פּראַכט פון דער נאָענטער דערלייזונג, האָבן די בחורים די אויגן פאַרבלענדט. זיי זיינען געשטאַנען פאַרגאַפטע און זיך פון אָרט ניט גערירט.

און אַז די בחורים זיינען אַזוי געשטאַנען, האָט זיך משיח צוריק אַוועקגעלייגט און צוריק די אויגן פאַרמאַכט. און נאָר אַ זיפץ, אַ שווערער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַרצן...

.10

אַלע פענסטער האָבן אַ ציטער געטאָן, די ערד בײַ די בחורים אונטער די פיס האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן פון

דעם זיפץ, וואָס משיח האָט געטאָן, ווען ער איז צוריק אײַנגעשלאָפן. און אַ ווינט האָט זיך פון דעם זיפץ אויפ־געהויבן און האָט די בחורים אין זיין געווירבל פאַרדרייט, ווייט־ווייט אַוועקגעטראָגן, און ביים ברעג פון דעם מדבר אַראָפּגעוואָרפן.

אַ גרויסע פאַרצווייפלונג האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער פריערדיקער דרייסטקייט אין זייערע הערצער, דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען אַזוי נאָענט צו דער דער־לייזונג, און האָבן דאָך זייער ציל פאַרפעלט. זייער געמיט איז אַזוי שווער געווען, אַז זיי האָבן שוין וויינען געוואָלט.

נאָר אליהו הנביא האָט זייער טרויער פון אויבן דער־זען און זיך אויף אַ שטראַל פון דער זון צו זיי אַראָפּגעלאָזן, און זיי געקושט און געגלעט און געטרייסט:

— דעם וועג צו משיח דעם דערלייזער האָט איר דאָך געפונען; אַ וועג צו משיח דעם דערלייזער האָט איר דאָך געעפנט. זייט געבענטשט, זייט געבענטשט, יונגע, אומ־געדולדיקע, דרייסטע!

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
אידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה העברית העממית

795357

משה אין מדין

משה אין מדין.

משה האָט געפּיטערט די שאָף פון יתרו זיין שווער. אויף אַלע שבת פלעגט ער קומען אַהיים אויסרוען זיך און אָנפרייען זיך מיט זיין ווייב ציפּורה און מיט זיין זון גרשון. אַ פּאָר מאָל אין וואָך פלעגט ציפּורה מיט גרשונען אויפן האַנט קומען צו משהן אין דער מדבר אים געוואוירע ווערן און ברענגען אים גוטע זאַכן, וואָס זי האָט פאַר אים געקאָכט און געבאַקן, און אָנפילן די וויסטעניש מיט פריי־לעכן געזאַנג און געלעכטער.

וועגן זיינע ברידער אין מצרים האָט משה גאָרניט געוואָלט טראַכטן. וויבאַלד אַז זיי האָבן מוסרים, וואָס גיבן אַרויס צו פרעהן די מענטשן, וואָס קומען זיי העלפן אין זייערע ליידן, וויבאַלד אַז זיי האָבן אים אַפילו, משהן גופא, אַרויסגעגעבן צו פרעהן, דערפאַר וואָס ער האָט גע־טויט דעם מצרי, וואָס האָט זיי געשלאָגן און געפּייניקט — טאָ ווער קאָן זיי דאַן העלפן!

— פאַרפאַלענע מענטשן, אַ פאַרפאַלן פאָלק, — האָט משה געטראַכט וועגן זיינע ברידער יידן.

דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק וויי געטאָן, נאָר ער האָט געוואָלט אַרויסטרייבן דעם ווייטאָג. ער האָט געזוכט טרייסט און פרייד אין זיין משפחה, אין זיין פרוי ציפּורה און אין זיין קינד גרשון, וועלכע ער האָט שטאַרק ליב געהאַט.

ער האָט אויך געזוכט טרייסט אין זיינע שעפעלעך, וועלכע ער האָט אויך געליבט.

די בעסטע ערטער פלעגט ער פאַר זיי אויסזוכן אין מדבר, וואו דאָס גראָז איז געווען העכער און געדיכטער און גרינער און זאַפטיקער. די בעסטע קוואַלן פלעגט ער פאַר זיי אויסזוכן צווישן די טייטלביימער, וואו דאָס וואַסער איז געווען זיסער און פרישער און קלערער און קילער. און ער האָט גרויס פאַרגעניגן געהאַט, ווען די שעפעלעך זיינען געווען זאַט און האָבן געהאַט צו טרינקען אינדערצייט.

און וועגן זיינע ברידער, וואָס ליידן אין מצרים, האָט ער געוואָלט פאַרגעסן.

אַ פאַרפאַלן פאָלק. ווער פון זיי עס קאָן — זאָל זיך ראַטעווען, די איבעריקע וועלן פאַרלאָרן גיין.

נאָר די שעפעלעך פלעגן אַרומגיין איבער דעם געדיכטן זאַפטיקן גראָז אויף די ברעגעס פון די פרישע קילע קוואַלן און פלעגן אַלץ שרייען „מע־מע־מע“ — אַזוי אומעטיק, מיט אַזאַ ביטערקייט, אַז ביי משהן פלעגט זיך דאָס האַרץ פאַרדריקן. אַמאָל פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז קינדער וויינען דאָס ביטער, אַמאָל פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז גרויסע קלאָגן דאָס פון ליידן. פלעגט ער פרעגן:

— שעפעלעך, מיינע שעפעלעך! וואָס קלאָגט איר אַזוי אומעטיק? איז אייך אפשר דאָס גראָז ניט געפעלן? איז אפשר דאָס וואַסער פון די קוואַלן ניט געשמאַק פאַר אייך?

— ניין, משה אונזער פאַסטוך, — האָבן די שעפעלעך געענטפערט, — דאָס גראָז איז אונז געפעלן, און דאָס וואַסער פון די קוואַלן איז גענוג זיס פאַר אונז.

— וואָס־זשע קלאָגט איר אַזוי אומעטיק? — פלעגט משה ווידער פרעגן, — אפשר ברענגט אײַך די זון פון דער מדבר צו שטאַרק, אפשר איז אײַך דער שאָטן פון די טייטלבײמער ניט גענוג קיל?

— ניין, משה אונזער פּאַסטוך, — פלעגן די שעפּע־לעך ענטפערן, — די זון פון דער מדבר ברענט אונז ניט צו שטאַרק, און דער שאָטן פון די טייטלבײמער איז גענוג קיל פאַר אונז.

האָט משה ניט געוואוסט די סיבה, למאַי די שעפּעלעך שרייען אַזוי אומעטיק, און די שעפּעלעך זײַנען אַלץ אַרומ־געגאַנגען איבער די גרינע פרישע גראָזן אויף די ברעגן פון די קילע קלאָרע קוואַלן, און זיי האָבן אַלץ געשריען אַזוי אומעטיק, אַזוי טרויעריק, אַז ביי משהן פלעגט דאָס חיות אַרויס.

— וואָס־זשע פעלט אײַך, מײַנע שעפּעלעך? — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן, — למאַי שרייט איר אַזוי אומעטיק? אפשר האָט איר מורא פאַר די שאַקאַלן, וואָס לאָקערן נאָך דער טשערעדע? אפשר האָט איר מורא פאַר די שלאַנגען, וואָס ווידמענען זיך אין מדבר?

און די שעפּעלעך פלעגן אים ענטפערן:

— ניין, משה אונזער פּאַסטוך, אונטער דײַן השגחה האָבן מיר קיין מורא ניט פאַר די בייזע חיות, וואָס לאָ־קערן נאָך דער טשערעדע, און ניט פאַר די גיפטיקע שלאַנ־גען, וואָס ווידמענען זיך אין דער מדבר.

— וואָס־זשע שרייט איר אַזוי ביטער? — האָט נאָך משה געפרעגט, — אפשר האָט אײַך דער ווינט פון דער מדבר דערציילט, אַז אַן אומגליק איז ביי מיר אינדערהיים געשען מיט מײַן פרוי ציפּורה, אָדער מיט מײַן זון גרשון?

— ניין, משה אונזער פּאַסטוך, — האָבּן די שעפּעלעך געענטפערט, — דער ווינט פון דעם מדבר דערציילט אונז, אַז דיין פרוי ציפּורה שפּינט פון אונזער וואָל, און אירע אויגן שיינען פון גליק, אַז דיין זון גרשון שפּילט זיך צו אירע פיס, און זיינע באַקן בליען ווי רויזן.

— טאָ וואָס־זשע שרייט איר אַזוי ביטער, אַז דאָס חיות גייט מיר אַרויס? — האָט זיך משה געבעטן.

און די שעפּעלעך האָבּן אים איינמאָל דערציילט:

— פון מערב־זייט הערן מיר שווערע קרעכצן און אַ ביטער געוויין. פון ים־סוף בּלאָזט אַ ווינט און דערציילט אונז: אין מצרים פּייניקט מען דיינע ברידער, די גרויסע — גראָבּן ערד און קנעטן ליים און בויען מויערן, די קליינע — לאָזט מען שעכטן און מען מאַכט פון זייער בּלוט וואַנעס פאַר פּרעהן; מען מויערט זיי אַיין אין די ווענט פון פּיתום און פון רעמסס... די קינדער קלאָגן, די פאָטערס קרעכצן, די מוטערס וויינען ביטער... אויף די פליגלען פון דעם ווינט שיקן זיי דיר אַ גרוס פון ברענענדיקע ליידן... דע־ריבּער שרייען מיר ביטער...

נאָר משה האָט פאַרשטעלט די אויערן מיט די הענט און האָט געהייסן די שעפּעלעך אַנטשוויגן ווערן.

— דערציילט מיר ניט און זאָגט דעם ווינט פון ים־סוף, ער זאָל מער ניט בּלאָזן אַהער און זאָל מיר קיין גע־רוס מער פון מיינע ברידער ניט ברענגען, איך וויל פאַר־געסן אָן זיי. דאָס איז אַ פאַרלאָרן פאָלק, זיי פאַרטרייבּן פון זיך די מענטשן, וואָס קענען זיי העלפן. דאָס איז אַ פאַרפאַלן פאָלק.

נאָך דעם איז משה גלייך אַוועק אַהיים צו זיין פרוי

משה אין מדין. — זייט 63

ציפורה און צו זיין זון גרשון; ער האָט ניט געקאָנט וואַרטן ביז דער שבת וועט אָנקומען, ער האָט גיכער געוואָלט לעבן פרוי און קינד פאַרגעסן, וואָס די שעפעלעך האָבן אים פון דעם ווינטס געדוס דערציילט.

— זינג מיר די שענסטע לידער, וואָס די טעכטער פון מדין קענען זינגען, — האָט ער געבעטן ציפורהן, — טאַנץ מיר די פריילעכסטע טענץ, וואָס די טעכטער פון דיין פאָלק טאַנצן. ברענג מיר די בעסטע וויינען, וואָס דיין לאַנד גיט. איך וויל פאַרגעסן דעם אומעט פון מיין האַרצן.

און ציפורה האָט זיך אָנגעטאָן אין די שענסטע קליי־דער, וואָס איר פאָטער יתרו האָט איר צו דער חתונה גע־געבן, האָט גענומען די האַרף, וואָס איר מוטער האָט איר נאָך אין איר קינדהייט געשענקט, און האָט פאַר משהן געזונגען די שענסטע לידער פון מדין, און געשפּילט אויף די איידלסטע סטרונעס פון איר האַרף, ביז משהן איז פריילעך געוואָרן אויפן האַרצן.

און אַז משהס פריילעכקייט פלעגט עטוואָס שוואַכער ווערן, האָט ציפורה גענומען איר פּייקל און האָט פאַר אים געטאַנצט די שענסטע טענץ פון איר פאָלק, און האָט פאַר אים געשטעלט די בעסטע געטראַנקען און די געשמאַקסטע מאַכלים פון איר לאַנד, ביז משהס אומעט איז ווידער אַוועק.

אַזוי איז אַריבער איין טאָג, און נאָך אַ טאָג, און אַזוי איז דער טאָג פון שבת אויך אַריבער. און זונטאָג פאַרטאָג האָט משה געקושט זיין פרוי און זיין קינד און האָט אַוועקגעטריבן די טשערעדע — ניט אין דער מדבר אַריין, וואו די ווינטן פון ים־סוף שפּאַצירן פריי, נאָר הינטער דער מדבר, וואו הויכע בערג שטייען אין לאַנגע

שורות, פאַרצאַמען דעם וועג פאַר די ווינטן און טרייבן זיי אַוועק אויף צוריק.

ער האָט אַלץ אַזוי געטאָן, כדי ער זאָל גיכער קאָנען פאַרגעסן זיינע ברידער, וואָס פייניקן זיך אין מצרים, — וואָרים, האָט ער געטראַכט, דאָס איז אַ פאַרלאָרן פאָלק...

נאָר משה האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן.

די ווינטן פון די בערג האָבן ביידערנאַכט געשטו־רימט און געריסן משהן פון שלאָף:

— פון די שפּיצן פון די הויכע פעלזען זעען זיך די בנינים פון פּיתום און רעמסס, וואו מען פייניקט דיינע ברידער, זיי וויינען דאָרט, דיינע ברידער, זיי שרייען ביטער, און קיינער העלפט זיי ניט; פרעה לאַכט פון זייערע טרערן, און זיינע חכמים טראַכטן נייע גזרות אויף זיי.

און בייטאָג האָט זיך אַ פייער אַראָפּגעלאָזן אויף אַ טרוקענעם דאָרן, וואָס איז געוואַקסן אין די בערג; דער גאַנצער שטאָם מיט אַלע צווייגן האָבן געברענט און זיינען ניט פאַרברענט געוואָרן. און גאָטס קול האָט גערופן צו משהן פון דעם פלאַם:

— משה, משה! גרויס איז דיין ליבע צו די שעפעלעך, וועלכע דו פּיטערסט, — צי דען קלעקט ביי דיר קיין ליבע ניט פאַר דיינע ברידער, וועלכע מען מאַטערט אין מצרים?

— משה, משה! דיינע ברידער אין מצרים האָבן פון צרות דעם זינען זייערן פאַרלאָרן, דיך, דעם גאָט, וואָס האָט נאָך זייער פאָטער יעקב פון אַלדאָס בייז אויסגעלייזט, האָבן זיי פאַרשטויסן, — ווילסטו, אַז זיי זאָלן דיך ניט פאַרשטויסן?

משה אין מדין — זייט 61

— משה, משה! אין צער און טרויער אויף דיינע ברידער, האָב איך, דער האַר פון אַלע וועלטן, געלאָזט מיין שכינה רוען ניט אויף אַ שלאַנקן טייטלבוים, און ניט אויף אַ צווייגיקן צעדערבוים, נאָר אויף אַ פשוטן, אויף אַ טרוקענעם און אַ פאַראומערטן דאָרן פון דער מדבר, — ווילסטו דיין צער און דיין טרויער אויף דיינע ברידער פאַרגעסן?

— זע, משה: דער דאָרן ברענט און ווערט ניט פאַר־ברענט און ניט צעפאַלן, — אַזוי קאָן דאָס פאָלק ישראל, אַפילו אין דער צייט, ווען דאָס איז געגליכן צו אַ טרוקענעם און פרוכטלאָזן דאָרן, ניט צעפאַלן און ניט פאַרטיליקט ווערן. קיין פייער קאָן איבער דעם קיין שליטה ניט האָבן, קיין וואַסער קאָן איבער דעם קיין מאַכט ניט האָבן. אייביק מוז עס לעבן.

זע, משה: דער דאָרן ברענט און ווערט ניט פאַר־ברענט, — אַזוי וועלן דיינע ברידער ברענען אין אייביקע ליידן און ניט פאַרברענט ווערן, און זייערע ליידן וועלן קיין סוף ניט האָבן, אויב זיי וועלן ניט וועלן באַפרייט ווערן. קעגן זייער ווילן וועלן זיי באַפרייט ווערן.

זע, משה: דער דאָרן ברענט און ווערט ניט פאַר־ברענט, — אַזו וועט דיין האַרץ מיט אייביקן טרויער און בענקשאַפט ברענען און ס'וועט ניט איבערברענען, און דו וועסט קיינמאָל קיין רו פון דיין בענקשאַפט ניט קריגן, — אויב דו וועסט דיין פאָלק ניט באַפרייען. דו מוזט גיין דיין פאָלק באַפרייען.

איך שווער דיר, משה: עס וועט קומען אַ צייט, ווען איך וועל ריידן, ווי דו רעדסט איצט: אַ פאַרפאַלן פאָלק, אַ פאַרלאָרן פאָלק, און דו וועסט זיך קייקלען צו מיינע

פּיס און חלשן און בּעטן זיך, איך זאָל אומבּייטן מיין משפּט. נאָר די ווינטן פון דער מדבּר וועלן דיין געבּעט צעטראָגן און צעזייען און צעשפּרייטן, און ס׳וועט צו מיר ניט דערגיין, — אויב דו וועסט איצט ניט גיין דיינע בּרי־דער פון קנעכטשאַפט בּאַפרייען...

איך זאָג דיר, משה: פאַרלאָז דיין טשערעדע, און בּיי פּיטער מיין פאָלק ישראל!...

און משה האָט געמוזט גיין בּאַפרייען זיינע בּרידער...

ברויט אויפֿן וואַסער

בּרויט אויפן וואַסער.

(אַ יידישע מעשהלע)

א. דעם טאַטנס צוואה.

אַמאָל איז געווען אַ מענטש. ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, און האָט ניט געהאַט ניט קיין ברידער, ניט קיין שוועסטער, ניט קיין מוטער—קיינעם ניט, אויסער אַן אַלטן טאַטן, און דער אַלטער טאַטע איז געלעגן אויפן קראַנקנבעט און האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט.

איז דער מענטש געשטאַנען צוקאָפּנס בּיי דעם חולה און האָט בּיטער געוויינט.

— ליבּער פּאָטער, דו לאָזט מיך איבּער איינעם אַליין אויף דער גרויסער וועלט, און ווער וועט מיך לערנען ערלעך צו לעבּן, און ווער וועט מיר ווייזן, ווי אַזוי כּשר דאָס שטיקל בּרויט צו פאַרדינען?

האָט עס דער חולה געהערט, האָט ער צונויפגעקליבּן דאָס לעצטע בּיסל כּוחות און האָט געזאָגט:

— מיין זון, וויין ניט און זיי ניט אומרויק. איידער איך גיי פון דיר אויף אייבּיק אַוועק, לאָז איך דיר איבּער מיין צוואה, אַז דו זאָלסט קיין מאָל קיין בּרויט ניט עסן, סיידן דו וועסט אַ העלפט דערפון ניט לאָזן אויפן וואַסער. דען אַזוי שטייט אין די הייליקע ספרים געשריבּן: „לאָז

דיין ברויט אויפן וואַסער, וואָרעם שפּעטער וועסטו עס צו־ריק געפינען". און כל זמן דו וועסט היטן מיין צוואה, וועט דיר גוט זיין אויף דער וועלט.

אַזוי האָט דער אַלטער געזאָגט, דערנאָך האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און איז שטיל און רויִק אויסגעגאַנגען.

ב. דער גרויסער פיש.

די פיש אויפן ברעג ים האָבן זיך געפרייט. פון דער־פרי ביז נאַכט האָבן זיי זיך געקליבן טשאַטעסטווייז און גע־שפּילט זיך און געיאָגט זיך און געטאַנצט און געזונגען לויב־לידער צו דעם מענטשן, וואָס האָט זיי באַפרייט פון דער זאָרג צו זוכן שפּייז פאַר זיך.

דער מענטש, דעם געשטאָרבענעמס זון, האָט געהיט די צוואה פון זיין פאָטער. יעדער מאָל, ווען ער איז גע־גאַנגען פון בעקער, פלעגט ער אָפּקערן צום ברעג ים, און אַ העלפט פון זיין ברויט געלאָזן אויפן וואַסער. און די פיש האָבן געגעסן דאָס ברויט, און ס'איז זיי וואוילבאַקומען.

נאָר מער פון אַלע אַנדערע איז דאָס ברויט וואויל־באַקומען איין פיש, וועלכער איז געוואָרן געזינטער און שטאַרקער פאַר אַלע זיינע ברידער אין וואַסער. און אַז דערדאָזיקער פיש האָט דערפילט זיין כוח, האָט ער אָנגע־הויבן אָפּנעמען דאָס ברויט ביי אַנדערע פיש. און וואָס מער ער האָט געגעסן ברויט, אַלץ גרעסער איז ער אויס־געוואַקסן, און וואָס גרעסער ער איז אויסגעוואַקסן, אַלץ מער האָט ער געדאַרפט האָבן שפּייז. האָט ער אַלע קלע־נערע פיש פאַרטריבן פונם ברעג און אַליין דאָס גאַנצע ברויט דעם מענטשנס אויפגעגעסן. און דאָס איז אים נאָך אויך קנאַפּ געווען, און ער האָט אָנגעהויבן שלינגען פיש.

ברויט אויפן וואַסער. — זייט 70

און וואָס אַ טאָג, האָט ער אַלץ מער פיש געשלונגען און ער האָט זיי געפּטרט הונדערטער און טויזנטער און צענ־טויזנטער.

אַ גרויסע צרה איז דאָס געווען פאַר די קליינע פיש אין ים. זיי האָבן שוין קיין שפּילן ניט געשפּילט און קיין טענץ ניט געטאַנצט און קיין לידער ניט געזונגען: עס איז זיי זייער ביטער געוואָרן אויפן האַרצן, און זיי זיינען אַוועק זוכן הילף אַנטקעגן דעם גרויסן פאַרדאַרבערישן פיש.

ג. ביים לוויתן.

דער לוויתן, דער קיניג פון אַלע פיש וואָס אין ים, איז געלעגן אין זיין קריסטאַלענעם פּאַלאַץ אויפן גרונט אין דער גרעסטער טיפעניש, דעם עק זיינעם האָט ער געהאַלטן אין מויל, און האָט זיך צוגעהערט צו די מעשהס, וואָס זיינע לייט די גרויסע פיש האָבן דערציילט וועגן דער לוויתנטע זיין ווייב, וועלכע מ'האָט ביי אים צוגענומען נאָך פון די ערשטע טעג, וואָס די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן.

זיינען געקומען די קליינע פישלעך פון ברעג ים און האָבן אים איבערגעשלאָגן זיינע פאַרבעגקטע מחשבות מיט זייער שרייען און מיט זייער קלאָגן:

— אדוני מלך, העלף אונז!

אַז זיי האָבן דערציילט, וואָס איז זייער צרה, און אַנטקעגן וועמען זיי דאַרפן הילף, האָט דער לוויתן געהייסן צוויי פון זיינע לייט, זיי זאָלן שווימען צום ברעג ים און ברענגען דעם גרויסן פיש. די צוויי זיינען אַוועקגעשוואו־מען, נאָר צוריק זיינען זיי ניט געקומען, ווייל דער גרוי־סער פיש האָט זיי איינגעשלונגען, און אַליין האָט ער אויך צום משפט פאַרן לוויתן ניט געוואָלט קומען.

דעמאָלט האָט דער לוויתן אַוועקגעשיקט אַנדערע צוויי פון זיינע לייט, זיי זאָלן זאָגן דעם גרויסן פיש, אַז אויב ער וועט ווידערשפּעניגן און ניט קומען, וועט זיין שטראָף זיין זייער גרויס. די נייע צוויי שלוחים זיינען אַוועקגעשוואומען צום ברעג ים, האָבן איבערגעגעבן דעם גרויסן פיש די רייד פון דעם לוויתן. אָבער דער גרויסער פיש האָט זיך פון זיי אויסגעלאַכט. ער האָט זיי געכאַפּט און מיט איין שלונג אַראָפּגעשלונגען און צום משפּט פאַרן לוויתן איז ער ניט געקומען.

דער לוויתן האָט אַ דריטן מאָל שלוחים צום גרויסן פיש געשיקט. נאָר דער סוף פון דידאָזיקע שלוחים איז געווען ניט קיין בעסערער, ווי דער סוף פון די ערשטע שלוחים. דער גרויסער פיש האָט ווידערגעשפּעניקט אין לוויתן, פאַרלאָזנדיק זיך אויף זיין גרויס און אויף זיין כּוח.

ד. דער גרויסער פיש פאַרן לוויתן.

דער לוויתן האָט אַרויסגערופן די צוויי גרעסטע פון זיינע פיש און האָט צו זיי געזאָגט:

— שווימט, ווי די בליצן, צום ברעג פון ים און זאָגט צו דעם גרויסן פיש: אַזוי האָט דער לוויתן דער מלך פון די פיש געהייסן זאָגן: אויב דו וועסט תּיכּף ניט קומען שטעלן זיך פאַר מיר, וועל איך אַליין גיין גאָך דיר, און איך וועל דעם עק פון מיין מויל מוזן אַרויסלאָזן און גאָר די וועלט וועט חרוב ווערן.

האָבן די צוויי גרעסטע פון די גרויסע פיש דעם לוויתנס זיך געלאָזט שווימען, ווי די בליצן, און האָבן איבערגעגעבן דעם גרויסן פיש די רייד פון לוויתן. און דער

גרויסער פיש האָט זיך געמוזט אונטערגעבן און ער איז געשוואומען און געקומען און האָט זיך געשטעלט פאַר דעם לוויתן דעם קיניג פון די פיש.

— אדוני קיניג, — האָט ער געטענהט, — וואָס איז מיין שולד, וואָס איך בין אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס און דאַרף האָבן אַזויפיל שפייז מיין הונגער צו שטילן, אַז איך מוז פאַרשלינגען טויזנטער און צענטויזנטער פון די קליינע פישלעך, מיינע ברידער?

פרעגט אים דער לוויתן:

— פונוואַנען ביסטו עס אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק?

דערציילט דער פיש:

— אַ מענטש קומט אַלע פרימאָרגן צום ברעג ים און וואַרפט ברויט אין וואַסער, איז פון דעמדאָזיקן ברויט בין איך אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק. האָט זיך דער לוויתן שטאַרק פאַרוואונדערט, וואָס עפּעס אַ מענטש וואַרפט ברויט אין וואַסער, און ער האָט געזאָגט צום גרויסן פיש:

— דו זאָלסט מיר מאָרגן ברענגען אַהער דעמדאָזיקן מענטשן, איך וויל אים זען און כ'וויל מיט אים ריידן.

ה. דער מענטש ביים לוויתן.

דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט האָט דער גרויסער פיש מיט זיין מויל געגראָבן די ערד ביים ברעג פון ים, ביז אינדערפרי איז אונטערן ברעג אַ טיפע און אַ ברייטע הייל געווען אונטערגעגראָבן, און דער באָדן איבער איר איז געווען אַ דינער, מער ניט ווי די וואָרצלען פון די גראָזן וואָס זיינען דאָ געוואַקסן.

אַז דער מענטש איז גאַנץ פרי געקומען פון בעקער מיט דעם ברויט און האָט זיך געשטעלט אויפן ברעג, האָט זיך דער באָדן אונטער זיינע פיס תיכף איינגעבראָכן, און דער מענטש איז אין וואַסער אַריינגעפאַלן. דער פיש האָט אים גלייך אונטערגעכאַפּט און איז מיט אים שנעל, ווי אַ בליץ, אַוועקגעשוואומען צום לוויתן.

דער לוויתן האָט דעם מענטשן אַריינגעזעצט צו זיך אין מויל אַריין, דאָס וואַסער זאָל אים ניט שאַטן, און ער האָט ביי אים געפרעגט:

— דאָס ביסטו דער מענטש, וואָס לאָזט אַלע טאָג ברויט אויפן וואַסער ביים ברעג ים?

— איך בין עס, — האָט דער מענטש געזאָגט.

— צו וואָס טוסטו אַזוינס? — האָט דער לוויתן געפרעגט.

האָט דעם מענטש דערציילט פאַר דעם לוויתן וועגן זיין פאָטערס צוואה, און וואָס אין די הייליקע ביכער איז געשריבן: „לאָז דיין ברויט אויף דאָס וואַסער". איז דאָס דעם לוויתן זייער וואוילגעפעלן. האָט ער מיט דעם מענטשן גערעדט זייער פריינדלעכע רייד, האָט ער אים באַוויזן אַלע וואונדער פון ים און אַלע שיינקייטן פון זיינע פּאַלאַצן. לסוף האָט ער אים אויסגעלערנט ריידן אויף דער שפּראַך פון אַלע חיהס און פון אַלע עופות און האָט אים איבערגעגעבן צו אַ גרויסן פיש פון די געטרייסטע פיש זיינע און האָט באַפוילן דעם מענטשן אַרויסצוטראָגן צוריק אויף דער יבשה אַ געזונטן און אַ לעבעדיקן. איז דער מענטש צוריק אַרויס אויפן ברעג.

ו. די ראָביכע מיט איר טאָכטער.

לעבן ברעג ים איז געשטאַנען אַ בוים, און אויפן בוים איז געווען אַ נעסט פון אַ ראָביכע מיט איר טאָכטער. איז די יונגע ראָביכע געשטאַנען אַליין און האָט געקוקט אויף אַלע זייטן, האָט אויסגעקוקט, צי די מוטער קומט, און די מוטער איז ניט געקומען. האָט די יונגע ראָביכע גענומען שרייען אין אַלע פיר זייטן, רופן די מוטער — און די מוטער איז ניט געקומען.

ערשט שפּעטער איז די אַלטע ראָביכע געקומען צו פליען. פרעגט ביי איר די יונגע טאָכטער:

— וואו האָסטו עס אַזוי לאַנג געזאַמט?

ענטפערט די מוטער:

— איך האָב פאַרגראָבן אַן אוצר, קיינער זאָל ניט וויסן וואו ער איז, און האָב באַהאַלטן דעם שליסל, קיינער זאָל דעם אוצר ניט קענען געפינען. דעריבער האָב איך מיך געזאַמט און ביז אַזוי שפּעט ניט געקומען.

דערציילט די ראָביכע ווייטער:

— אַז אַ מענטש וואָלט געפונען דעם שליסל און אָפּזוכן דעם אָרט, וואו דער אוצר ליגט, און וואָלט דעם אוצר אַרויסגענומען, וואָלט ער אַ גאַנצן לעבן אויסגעגעבן און דעם גאַנצן אוצר נים געקענט אויסגעבן. צען מכשפים האָבן געקליבן און געזאַמלט, ביז זיי האָבן אַזויפיל אָנגעזאַמלט.

און די ראָביכע דערציילט ווייטער:

— אַז אַ מענטש וואָלט געפונען דעם אוצר און וואָלט אַזוי רייך געוואָרן און וואָלט זיך אַזוי געפרייט מיט זיין עשירות, אַז ער זאָל די פרייד ניט קענען באַהאַלטן און זאָל אַפילו פון די נאָענטסטע מענטשן זיינע ניט קענען

פאַרהוילן דעם סוד, ווי אַזוי און וואו ער האָט זיין עשירות באַקומען — וואָלט ער תיכף נאָך דעם ערשטן וואָרט, מיט וועלכן ער וואָלט אַנטפּלעקט דעם סוד, געפאַלן און געשטאָרבן.

און די ראָביכע מיט דער טאָכטער האָבן זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט: קראַ-קראַ, כאַ-כאַ-כאַ.

און דער מענטש איז געלעגן אויפן ברעג פון ים, וואו דער פיש האָט אים אַרויסגעטראָגן, און ער האָט אַלץ געהערט און ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען.

ז. דער אוצר.

— ווייסטו, מאַמע, — זאָגט די יונגע ראָביכע צו דער אַלטער, — איך בין הונגעריק.

ענטפערט די אַלטע:

— איך בין אויך הונגעריק, מיין טאָכטער.

זאָגט די יונגע:

— אַ ווייך שטיקל פלייש וואָלט איך גערן געגעסן.

זאָגט די אַלטע:

— רייד ניט, מיין טאָכטער, דו צערייצסט נאָר דעם הונגער אומזיסט. דאָס איז אומגעזונט.

זאָגט די יונגע:

— ניין, מאַמע, אָט ליגט אַ מענטש, וואָס דער ים האָט ערשט אַרויסגעוואָרפן, מיר קענען זיך אַראָפּלאָזן און עסן.

זאָגט די אַלטע:

— מ'קען אַ מענטשן ניט געטרויען, אפשר לעבט ער און מאַכט זיך כלומרשט ווי אַ טויטער.

זאָגט די טאָכטער:

— איך וועל פּרובירן אַ פּיק טאָן אים אין אויג.
זאָגט די אַלטע:

— פּרוביר ניט, ער וועט דיך נאָך כאַפּן.

נאָר די טאָכטער האָט ניט געפאָלגט, און דער מענטש האָט אַלץ געהערט און פאַרשטאַנען, און אַז די יונגע ראָ־ביכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו אים פּיקן אים אין אויג, האָט ער גיך אויסגעשטרעקט די האַנט און האָט זי געכאַפּט.

און די אַלטע ראָביכע האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים:

— לאָז מיר אָפּ מיין איינציקע טאָכטער, לאָז מיר מיין טאָכטער.

זאָגט דער מענטש צו איר:

— ווייז מיר דעם אוצר און ברענג מיר דעם שליסל צום אוצר, וועל איך דיר אָפּגעבן דיין טאָכטער.

איז די אַלטע ראָביכע אַוועקגעלאָפן און האָט דעם מענטשן געבראַכט דעם שליסל צום אוצר, און האָט אים באַוויזן דאָס אָרט, וואו דער אוצר איז פאַרבאָרגן.

האָט איר דער מענטש אַוועקגעגעבן די יונגע ראָבי־כע, און ער איז געוואָרן דער באַלעבאָס פון אוצר.

ח. דער פוילער אייזל.

צען אייזלען האָט דער מענטש געקויפט אַראָפּצופירן דעם אוצר צו זיך אַהיים; איינער פון זיי איז געווען זייער אַ פוילער. און אַז דער מענטש האָט אויף אים אָנגעלאָדן צוויי זעק מיט גאָלד, איינעם פון רעכטס און איינעם פון לינקס, ווי אויף אַלע איבעריקע אייזלען, איז ער שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן און האָט געזאָגט צו זיינע חברים:

— אַט וועל איך מיך אָפּרעכענען מיט דעם מענטשן, דערפאַר וואָס ער לאָזט אונז שלעפּן אַזאַ משא: ווי מיר

וועלן אַריין אין טויער פון שטאָט, אַזוי פאַל איך תּיכּף אַנידער און מאַך מיך געפּגרט. וועט ער דאָך מוזן רופן מענטשן צו הילף, וועלן די מענטשן זען, אַז ער פירט גאָלד, וועט ער זיי מוזן דערציילן, וואו ער האָט דאָס גאָלד גע־נומען, און וועט שטאַרבן, אָדער די מענטשן וועלן אים טויטן, כּדי אָפּצונעמען זיין גאָלד.

און דער קאַראַוואַן האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין וועג. דער וועג איז געגאַנגען דורך אַ וואַלד. האָט דער מענטש אויסגעהאַקט אַ גראָבן שטעקן, און אַז דער פוילער אייזל האָט געטאָן אַ פאַל, ווען מען איז אַדורך די טויערן פון שטאָט, און האָט זיך געמאַכט געפּגרט, און מענטשן זיינען אָנגעלאָפן און האָבן געוואָלט העלפן אָפּצובינדן די זעק, — האָט דער מענטש צו זיי געזאָגט:

— איך דאַנק אייך זייער, מיינע ברידער, פאַר אייער גוט האַרץ, נאָר איך קען מיין אייזל און איך ווייס, וואָס איך האָב מיט אים צו טאָן.

ער האָט דעם פוילן אייזל דערלאַנגט מיטן שטעקן, און ווי דער אייזל האָט דערפילט דעם ווייטאָג, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי שנעל, אַז די איבעריקע אייזלען האָבן אים קוים דעריאָגט, מחמת דער־דאָזיקער אייזל איז נאָך צו זיין פוילקייט געווען אַ גרוי־סער שוטה אויך.

ט. דעם מענטשנס ווייב.

דער מענטש האָט זיך געלאָזן אויסבויען אַ הויז און שטאַלן און שפּייכלערס, האָט אָנגעקויפט פערד און קי און עופות אַלערליי. נאָכדעם האָט ער זיך געלאָזן רייד

שידוכים און האָט אַראָפּגעבראַכט אין שטוב אַריין אַ פרוי פון אַ שיינער משפחה.

זאָגט די יונגע ווייבל צו דעם מענטשן:

— זאָג מיר, מיין מאַן, פונוואַנען האָסטו די עשירות וואָס ביי אונז איז פאַראַן?

שווייגט דער מענטש און ענטפערט איר ניט. ער טאָר דאָך ניט אויסזאָגן.

פרעגט די ווייבל ווידעראַמאָל:

— דאָס איז דיין טאַטנס ירושה?

ענטפערט ער:

— ניין.

פרעגט זי:

— דאָס איז אַ מתנה פון אַ גוטן פריינד?

זאָגט ער:

— ניין.

פרעגט זי ווידער:

— האָסטו עס געוואונען אין גורל?

ענטפערט ער:

— ניין.

פרעגט זי:

— פונוואַנען־זשע האָסטו עס?

און אַז ער האָט געשוויגן און גאָרנישט געענטפערט, האָט זי אָנגעהויבן פאַר אים צו וויינען און צו קלאָגן, ער זאָל איר אויסזאָגן. און זי האָט בייטאָג און ביינאַכט אים רויק ניט געלאָזן, אַנדערש ניט ער זאָל איר דערציילן, וואו האָט ער גענומען די עשירות, ביז ער האָט איר איינ־מאָל געזאָגט:

— מיין ווייב, פונוואַנען איך האָב מיין עשירות איז אַ גרויסער סוד, וועלכן איך טאָר קיינעם ניט פאַרטרויען, און דו טאָרסט עס פון מיר ניט פאַרלאַנגען, דען עס קאָן נאָך אַן אומגליק פּאַסירן.

י. דער ווייבלס נייגעריקייט.

אַ גאַנצע וואָך האָט די ווייבל ביי דעם מענטשן גאָר־ניט געפרעגט, דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהויבן צוצושטיין, ער זאָל איר דערציילן דעם סוד פון זיין עשירות.

דער מענטש האָט געשוויגן. האָט זי זיך געבעטן ביי אים מיט גוטן און מיט בייזן, און ווען זי האָט דערזען, אַז זי קאָן גאָרנישט ניט מאַכן, האָט זי זיך גענומען פאַר־ביטערן אים דאָס לעבן. מען דאַרף אינדערפרי אויפשטיין— און זי זיצט אַ גאַקעטע אין בעט און וויינט; מען דאַרף גיין צום טיש עסן — און זי זיצט מיט ניט קיין פאַרקעמטן קאָפּ אויף דער שוועל און וויינט. קיין פרייע מינוט איז אין שטוב ניט געווען. מער האָט מען ניט געהערט, ווי קולות און יללות, אַז דער מענטש האָט ניט געהאַט, וואו אַהינצוטאָן זיך פון אַנגסט.

זעט דער מענטש, אַז ס'איז שלעכט, זאָגט ער צו איר:

— זאָלסט וויסן זיין, מיין ווייב, אַז ווען איך וועל דיר אויסזאָגן דעם סוד, פונוואַנען שטאַמט מיין עשירות, וועל איך גלייך פאַלן און שטאַרבן. ווילסטו דען, איך זאָל אומקומען פון דער וועלט און דו זאָלסט בלייבן אַן אלמנה?

האָט זיך די ווייבל גרייליך דערשראָקן און גאַנצע צוויי וואָכן האָט זי זיך איינגעהאַלטן. נאָך די צוויי וואָכן איז זי געקומען צום מענטשן און זאָגט צו אים:

— וואָס טויג מיר מיין לעבן, אַז איך ווייס ניט דעם סוד פון דיין עשירות. לאָמיך בעסער בלייבן אַן אלמנה, אַבי איך זאָל דעם סוד וויסן.

זעט דער מענטש, אַז ס'איז שוין אַן עק צו זיין לעבן, זאָגט ער.

— רעכט. איך וועל מיך נאָר צוגרייטן צום טויט, און מאָרגן פרי דערצייל איך דיר אַלץ, ווי דו פאַרלאַנגסט.

יא. די הכנות צום טויט.

דער מענטש האָט די גאַנצע נאַכט זיך געגרייט צום טויט. ער האָט פאַררופן דעם רב מיטן דיין און געלאָזט זיך מאַכן אַ צוואה; האָט גערופן דעם שניידער און האָט זיך געלאָזט אויפנייען תכריכים. האָט זיך גוט אויסגעוואַשן אין אַ וואַנע און האָט אָפּגעזאָגט אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף זאָגן פאַרן טויט. אינדערפרי איז אים נאָר געבליבן געזעגענען זיך מיט זיין האָב און גוטס, נאָכדעם לייגן זיך אין בעט, דערציילן דער ווייב דעם סוד און שטאַרבן.

גייט דער מענטש אַריין אין שטאַל, זעגענען זיך מיט די פערד, גייט אים נאָך דער הונט, וואָס היט דעם הויף, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ; שטייט דאָרטן דער באָק, וואָס היט די פערד, אַ פאַרצאָגטער, שטייען די פערד פאַרקלאָגטע. מער ניט דער האָן גייט אַרום מיט זיינע צען הינער; זיי קלייבן קערנער אונטער דער קאָרעטע ביי די פערד, צווישן די קאָפּיטעס, אַזעלכע לעבעדיקע און אַזעלכע פריילעכע; ער מאַכט: „קוקוריקו‟, און די הינער ענטפערן: „קאָ-קאָ, קאָ-קאָ‟ און מען זינגט, און מען שטיפּט, און עס איז שמחה וששון.

קענען דאָס די פערד מיט דעם הונט מיט דעם באָק ניט אַריבערטראָגן, זאָגן זיי צו דעם האָן:

— וואָס איז מיט דיר די שמחה, וואָס דו פרייסט זיך אַזוי?

ענטפערט זיי דער האָן:

— פאַרוואָס זאָל איך מיך ניט פרייען?

זאָגן זיי:

— סטייטש, אונזער באַלעבאָס קלייבט זיך שטאַרבן, און ער גייט זיך מיט אונז זעגענען, און דו פראַוועסט שמחהס, ווי דיך אַרט עס ניט!

מאַכט דער האָן:

— זאָל דער באַלעבאָס ניט זיין קיין נאַר, וועט ער זיך ניט דאַרפן קלייבן שטאַרבן. זאָל ער זיך פון מיר לערנען: איך האָב צען ווייבער, און אַלע הערן מיך, און קיינע וואַגט ניט צו טאָן מיר עפּעס דערווידער. און טאָמער וואָלט איינע מיך ניט געפאָלגט, וואָלט זי באַקומען מיט שנאָבל. ער האָט איין ווייבל סך־הכל, קען ער זיך מיט איר קיין עצה ניט געבן.

און דער מענטש האָט אַלץ געהערט און אַלץ פאַרשטאַנען.

יב. דער סוף פון דער מעשה.

די יונגע ווייבל האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן, דער מאַן זאָל קומען דערציילן איר זיין סוד, איז זי אַרויס אין הויף. ערשט ער גייט איר אַנטקעגן מיט דער בייטש אין האַנט. זאָגט זי צו אים:

— קום, מיין מאַן, עס איז שוין שפּעט, באַלד האַלבער טאָג...

ברויט אויפֿן וואַסער. — זייט 82

האָט דער מענטש איר געענטפערט...

אָבער וואָס דער מענטש האָט איר געענטפערט, און וואָס ער האָט געטאָן, און וואָס זי האָט געטאָן—וועגן דעם איז ניט כּדאַי צו ריידן. נאָר דער באָק איז געשטאַנען און האָט צופרידן געשמייכלט אין באָרד אריין און די פערד האָבן פון שמחה געהירזשעט און געקאָפּיעט די ערד מיט די קאָפּיטעס, און דער הונט — ער האָט זיך גאָר איבער דער ערד געקאַטשעט פון געלעכטער. די יונגע ווייבל האָט זיך שטאַרק, שטאַרק געשעמט. און זי האָט געגעבן דאָס וואָרט אַרויסצושלאָגן זיך פון קאָפּ די נאַרישע נייגעריקייט אירע, און זי האָט וואָרט געהאַלטן, און פון דעמאָלט אָן איז ביי דעם מענטשן אין שטוב געווען שטיל און רויק, אַז אַלע גוטע לייט האָבן זיך געפרייט.

און פון יערן געבעק ברויט, וואָס די ווייבל האָט געבאַקט, האָט דער מענטש אַ העלפט געטראָגן צום ים און געלאָזן אויפן וואַסער, ווי דער פאָטער האָט אים פאַ״זאָגט אין דער צוואה.

לאַמעד-וואָווניק

פערזאָנען:

יאָסעלע, דער יינגל.
זיין מאַמע.
זיין טאַטע.
דער מלאך.
שכנים.
יינגלעך.
מיידלעך.
מלאכים.

ערשטע בילד

א שטאָט־גאָרטן, אַלעעס מיט בענק, דער ייִנגל מיט דער מוטער גייען אַריין פון אַלעע. זי האָט בלויע ברילן אויף די אויגן. אין האַנט — אַ שטעקן, דער ייִנגל פירט זי.

די מאַמע:

אַ חיות איז דאָ, די טייערע ריחות, דער לופטיקער ווינט, דער ליבער שאָטן, אַ חיות אין האַרצן !...

ייִנגל:

מאַמע, אויב דו ווילסט, קאָנען מיר זיך דאָ צוזעצן. מיר וועלן צום דאָקטער ניט פאַרשפּעטיקן. ווילסטו ? — אָט איז אַ באַנק.

מאַמע:

אויב מיר וועלן ניט פאַרשפּעטיקן, לאָמיר זיך צוזעצן.

ייִנגל:

אָט־אָ־דאָ, מאַמע, אויפן מיטן זעץ דיך, דאָרטן איז די זון. אָט אַזוי...

מאַמע:

אָך־אָך־אָך, אַזאַ היץ, די כוחות גייען אויס. אַ גאַנצן טאָג האָט מען דאָ געדאַרפט זיצן, וואָלט מען די היץ ניט געפילט... סאַר אַ ריחות... דאָ וואַקסן בלומען, יאָסעלע ?

יִינגל:

יאָ, מאַמע, אָן־דאָרטן, לינקס, וואַקסן בלומען.

מאַמע:

שיינע?

יִינגל:

שיינע, מאַמע, גרויסע, רויטע, ווייסע.

מאַמע:

סאַר אַ ריח... אַ גן־עדן, אַן אמתער גן־עדן... און די ביימער זיינען דאָ עפּעס הויכע, יאָסעלע?

יִינגל:

הויכע, מאַמע.

מאַמע:

איך הער, ווי די בלעטער שעפּטשען אין דער הויך, און מיר דאַכט זיך, אַז פון זיי גייט עס דער לופטיקער ווינט. נאָך גרין די בלעטער?

יִינגל:

גרין, גאָר גרין, מאַמע.

מאַמע:

גרין... איך האָב אַזוי ליב געהאַט צו קוקן אויף די גרינע בלעטער אַמאָל, ווען גאָט האָט נאָך די שיין פון מיינע אויגן ניט צוגענומען. אָך־אָך־אָך, אַזוי געשטראָפט, אַזוי צעבראָכן. פאַרוואָס? פאַר וועלכע זינד? — שוין פיר יאָר די שיין ניט געזען, מיין איינן קינד ניט געזען... מ׳זאָגט, דו ביסט אַ שיינער, יאָסעלע, אַן איידעלער, — אָבער איך זע דאָס ניט, איך קאָן

מיין אייגן קינד ניט... אָך־אָך־אָך — און דער דאָקטער־מ'זאָגט: אַ גאָט איז ער, זאָל מיר דער אייבערשטער ניט שטראָפן פאַר די רייד, — ער מאַכט פון בלינד זעעדיק. נו, למאַי זשע איך? שוין ניין חדשים, אַז ער קורירט מיך, וואָסערע עינויים האָט ער שוין מיר ניט אָנגעטאָן? — מיט שפּיזלעך געברענט, מיט סַמען געבראָטן. און וואו איז די שיין פון מיינע אויגן? וואו? אָט שלעפּן מיר זיך אום אין אַזאַ היץ צום דאָקטער — ווער ווייס, אפשר איז דאָס אומזיסט?

פון אַלע גייט אַרויס אַ קאָמפּאַניע יינגלעך, מאַרשירן און זינגען.

ק י נ ד ע ר:

קומט דער ליבער זומער
  מיט היץ, מיט ליכט, מיט שיין —
שפּילן מיר אין זעלנער
  גאָר ליב, גאָר שיין, גאָר פיין.
טראָגן ביקסן, שווערדן
  פון בליי, פון בלעך, פון האָלץ,
און מאַרשירן אומעט
  מיט דרייסט, מיט מוט, מיט שטאָלץ.
הויך דעם קאָפּ געהויבן,
  און זעט: די ברוסט — אַ ראָד!
פריש געזונט און פריילעך,
  גלייך ווי דער גרינער סאָד.

פוס ביי פוס געטראָטן —
  אַזוי, אַזוי, אַזוי!
מאַרש, מאַרש, זעלנער בראַווע,
  איינס צוויי, איינס צוויי, איינס צוויי.

מאַרשירן אַוועק.

מ אַ מ ע:

מיין ביטערער מזל, אַלע קינדער האָבן נחת פון זייער לעבן, שפּאַצירן און שפּילן זיך אין די סעדער, נאָר מיין זון מוז נעבעך צוליב מיר פאַרשוואַרצט ווערן. דיר ווילט זיך, יאָסעלע, גיין מיט די קינדער שפּילן?

י י נ ג ל:

ניין, מאַמע, איך בין דאָך שוין אַ גרויסער.

מ אַ מ ע:

מיר דוכט זיך אַלץ, אַז דו ביסט נאָך אַזעלכער, ווי איך האָב דיך געזען דאָס לעצטע מאָל, בשעת איך האָב נאָך מיין שיין אין די אויגן געהאַט. אָך־אָך, פיר יאָר שוין — נאָר אַז דו ביסט געווען קלענער, פלעגסטו, אַפנים, גיין מיט די קינדער שפּילן? חס ושלום. שטענדיק לעבן מיר, שטענדיק אַרומפירן זיך מיט מיר... צו דאָקטוירים און צו פעלדשערס, צו קדרים און צו שפּרעכערס, אין גאַס, און פון גאַס, און וואוהין ניט? ווי צו מיר. איך האָב דיר דיין לעבן פאַרחושכט. צוליב מיר ווייסטו קיין קינדערשע פרייד ניט. אפשר וואָלסטו איצט אַ ביסל געגאַנגען דורכגיין זיך איבערן סאָד? איך וועל דאָ אַליין זיצן אַ ביסל, האַ?

י י נ ג ל:

ניין, מאַמע, מיר ווילט זיך ניט.

מ אַ מ ע:

קיינזאַך ווילט זיך דיר ניט. קיינמאָל הערט מען פון דיר קיין פריילעך וואָרט ניט, קיין פרייע מינע ניט.

מ׳זאָגט טאַקע, אַז דו זעסט נעבעך אויס בלאַס... איך ווייס ניט, איך זע דאָך ניט, איך פיל נאָר, ווען איך נעם דיך אין האַנט. נעמט אים בײַ דער האַנט און גלעט אים איבערן געזיכט. ווי מאָגער דו ביסט. הוילע בײנער... ווײ צו דער מאַמען... וואָס שווייגסטו שטענדיק? וואָס ביסטו שטענדיק פאַרטראַכט, מײַן זון? זאָג מיר.

יאַנגל:

גאָרנישט, מאַמע.

מאַמע:

שטענדיק אַזוי: גאָרנישט און גאָרנישט. פאַרוואָס-זשע ווילסטו קיינמאָל ניט גײן שפּאַצירן? פאַרוואָס הערט מען דיך ניט שפּילן? זינט איך בין בלינד געוואָרן, האָט זיך פאַר דיר די וועלט פאַרמאַכט. וואָס ביסטו אַזאַ פאַרטרויערטער?

יאַנגל:

יאָ, מאַמע, ס׳איז מיר טאַקע אומעטיק. עס זײַנען דאָ אַזוי פיל אויף דער וועלט מענטשן בלינדע און הינ-קעדיקע און הויקערדיקע און אַלערליי קאַליקעס — ס׳איז מיר אַ רחמנות.

מאַמע:

איז וואָס-זשע קאָנסטו העלפן, מײַן קינד?

יאַנגל:

אָט דאָס טראַכט איך טאַקע: וואָס קען איך העלפן? זיי פּײַניקן זיך דאָך, ס׳איז זיי שלעכט, ווי העלפט מען זיי?

מאַמע:

מסתּמא איז זיי אַזוי באַשערט, מײַן זון.

יִינגל:

יאָ, נאָר איך טראַכט, אַז איך וואָלט געווען אַ גרויסער צדיק, וואָלט איך פאַר זיי מתפלל געווען...
מאַמע, עס וואָלט געהאָלפן, אַז זיי זאָלן אַלע געזונט ווערן?

מאַמע:

דו וועסט, אם־ירצה־השם, זיין אַ גרויסער צדיק, מיין זון.

יִינגל:

מ'זאָגט, אַז די לאַמעד־וואָווניקעס קאָנען אַלץ — היילן קראַנקע, זעענדיק מאַכן בלינדע, גלייך — קרומע, — אַלע וואונדער אויף דער וועלט. אמת, מאַמע?

מאַמע:

אַוודאי איז דאָס אמת, מיין זון.

יִינגל

נאָך אַ ביסל טראַכטן:

אַז איך וואָלט געווען אַ לאַמעד־וואָוניק...

מאַמע:

וואָס־זשע וואָלסטו געטאָן?

יִינגל:

איך וואָלט... קוקנדיק זיך ארום אויף הינטער, ווי דערהערט עפּעס פּלוצלונג הינטער זיך. איך וואָלט...

רייסט איבער, ווייל פון די קוסטעס הינטער אים באַווייזט זיך אַ ווייסער מלאך מיט פליגלען. דער יִינגל קוקט אויף אים אַ פאַרבליפטער.

מ אַ מ ע:

וואָס זשע ביסטו אַנטשוויגן געוואָרן, מיין זון? דו רעדסט אַזוי זעלטן, און דאָ, אַז דו האָסט אָנגעהויבן רעדן, ביסטו פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן.

דער ייִנגל הערט ניט; ער קוקט אויפן מלאך, וועלכער גייט ארום דער באנק, שטעלט זיך אָפּ פון ווייטן און ווינקט מיטן פינגער צום ייִנגל.

מ אַ מ ע

אין שרעק:

וואָס זשע ביסטו פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן, יאָסעלע? ווי איז מיר, וואָס טוט זיך דאָ?

דער ייִנגל גייט נאָך דעם מלאכס ווינקען לאנגזאם, ווי פון שלאָף.

מ אַ מ ע:

יאָסעלע, וואו ביסטו? טאפּט ארום זיך. ניטאָ, ווי איז מיר.

מ ל א ך:

שטאַרק דיין מוט, פון גאָט געליבטער!
ניט קיין שלעכטס טראָג איך אין פליגל,
ניט קיין בייז אויף מיינע ליפּן —
כ'טראָג אַ ברכה דיר פון הימל!

בייגט זיך.

ס'האָט דער אייבערשטער געזען
מיט זיין הייליק אויג פון אויבן
דורך די טעג דיין טיפן טרויער,
דורך די נעכט דיין גרויסן צער,

דיינע פּיינען און יסורים,
וואָס עס קוועלן אין דיין האַרצן
פאַר די אָרעמע, וואָס טראָגן
שווער אויף זיך גאָטס צאָרן־שטעמפּל;
האָט ער מיך, זיין ייִנגסטן דינער,
היינט צו דיר געהייסן גיין
איבערגעבן דיר זיין ברכה
און דיר אָנזאָגן: געטרייסט זיי!

נייגט זיך.

זיי געטרייסט, פון גאָט געבענטשטער!
טרערן, וואָס פאַר אומגליקלעכע
האָסטו שטיל געטאָן פאַרגיסן,
זיפצן, וואָס פאַרליידנדיקע
האָבן ס׳האַרץ געטאָן דיר ברעכן, —
גייען ניט פאַר גאָט פאַרלאָרן,
זיי געטרייסט, פון גאָט געבענטשטער!

גאָט שענקט דיר די מאַכט צו היילן קראַנקע, גליק־לעך מאַכן אומגליקלעכע, פריי מאַכן געבונדענע פון די תּפיסות, פאַרקערן טאָג צו נאַכט, און נאַכט צו טאָג, — טאָן אַלץ, וואָס דיר וועט נייטיק זיין צום גליק פון מענטשן. איינער פון די זעקס און דרייסיק צדיקים, וואָס אויף זיי שטייט די וועלט, וועסטו ווערן, נאָר וויסן זאָלסטו: ווי דו וועסט דעם דאָזיקן כּוח פונם אייבערשטן באַקומען, אַזוי מוזטו זיך תּיכף אָפּזאָגן פון פריינד, פון גוטע פריינד, פון ברידער און שוועסטער, פון טאַטע און מאַמע. איינער אַליין, איינזאַם אין דער גאַנצער וועלט וועסטו זיך מוזן האַלטן פאַרבאָרגן אין פּוסטע וועלדער און אין

וויסטע פעלדער, קיינער זאָל ניט וויסן, ווער דו ביסט; אָפט זיין באַליידיקט פון מענטשן, מיט וועלכע דו וועסט זיך באַגעגענען פון גאַנטן, און אויף דאָס גליק, וואָס דו וועסט די מענטשן געבן — קוקן נאָר פון וויטן. ביסטו מסכים צוצונעמען די דאָזיקע מתנה פון גאָט?

יִנגל:

אָ, הייליקער, איך ווייס ניט.

מאַמע:

מיט וועמען רעדסטו דאָרט, יאָסעלע, ווי צו מיינע יאָרן...

מלאך:

צי דען האָסטו וועגן דער דאָזיקער מאַכט, וואָס דער אייבערשטער איז דיר איצט גרייט צו שענקען, ניט געחלומט שלאָפנדיק און וואַכנדיק?

יִנגל:

געחלומט, הייליקער.

מלאך:

און די שכינה האָט געקוקט אויף דיינע חלומות און האָט געקוואָלן פון נחת. ענטפער־זשע, קינד,—ווילסטו אָננעמען די מתנה, וואָס ווערט דיר פון הימל געשיקט דורך מיר?

אינם פאָטערס הויז
ווייס מען ניט קיין לייד,
אין דער מוטערס שויס
וואַקסט דאָס האַרץ אין פרייד.

וואויל איז לעבן טאַטע־מאַמען
און מיט אייגענע צוזאַמען.

אויסהיילן אַ וואונד —
קאָן דען בעסערס זיין?
אַך, ווי גרויס דאָס גליק
איז אויסלייזן פון פּיין.

וואויל איז ווען ס'איז געגעבן
שאַפן מענטשן גליק אין לעבן.

צוויי וועגן זיינען פאַר דיר אָפן, פון גאָט געבענטשטע קינד. ביידע גלייך געלוסטיקע, איינער מיט פאָטער און מוטער, ברידער און שוועסטער און מיט אַלעמען, וואָס זיינען נאָענט צו דיין האַרצן — דאָס איז — פאַרבלייבן אַ זון ביי דיין פאָטער אין שטוב, מיט דער בלינדקייט פון דיין מוטער און מיט די יסורים פון די ליידנדיקע, וואָס מאַטערן זיך אַרום דיר. דער צווייטער וועג — אַ לעבן פול מיט גוטס פאַר אַלע, וואָס ווערן געפּייניקט, מיט קראַנקע, וואָס זיינען געגעזן, מיט אומגליקלעכע, וואָס זיינען דערהויבן, נאָר ווייט פון אייגענע, עלנט אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל. ווייל אויס, מיין זון.

יִנגל: איך ווייס ניט, הייליקער, איך ווייס ניט, וואָס זאָל איך ווילן, אין וועלכן וועג זאָל איך גיין, איך האָב מורא...

מאַמע: יאָסעלע, ווי איז מיר, מיט וועמען רעדסטו דאָרט? פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט, יאָסעלע!

פון דער אַלעע לויפן אַרויס די קינדער, וואָס האָבן ערשט מאַרשירט, און אַנדערע.

קינדער:

אַך, ווי שיין! סאַר אַ פיין ליד! אַך ווי פיין! ווער איז דאָס?

איינער

צו דער מאַמען:

מומעשי, ווער האָט עס דאָ אַזוי געזונגען?

מאַמע:

איך ווייס ניט, איך האָב ניט געהערט, אַן אימה איז אויף מיר אָנגעפאַלן, מיין יאָסעלע איז ניט געוואָרן. אפשר זעט איר אים, רופט אים...

דער מלאך איז שוין נעלם געוואָרן, יאָסעלע שטייט אַ פאַרבליפטער.

איינגל.

דו געדענקסט, חיים?

אַ צווייטער:

און דו?

אַלע

מיט האַלבער שטים:

אינם פאָטערס הויז
ווייס מען ניט קיין לייד,
אין דער מוטערס שויס
וואַקסט דאָס האַרץ אין פרייד.

וואויל איז לעבן טאַטע-מאַמען
און מיט אייגענע צוזאַמען.

אויסהיילן אַ וואונד —
קאָן דען בעסער זיין?
אַך, ווי גרויס דאָס גליק
איז אויסלייזן פון פיין.

וואויל איז, ועמען ס'איז געגעבן
שאַפן מענטשן גליק אין לעבן.

יאָסעלע:
אַך, העלף מיר, גאָט!

פאָרהאַנג.

צווייטע בילד

אין שטוב. די מאמע אין די ברילן מאכט
א זאק ביים טיש, דער טאטע גייט ארום אין
יארמלקע. דער יינגל זיצט אין ווינקל, אראפגע-
לאזן דעם קאפ.

טאטע:

פארט וואס איז אזוינס פארגעקומען אין סאד?

מאמע:

א גרויסער דונער האט מיך דארטן געטראפן, און
וואלקנס, און רעגן און און ווינטן — אין א העלן טאג
א דונער געטראפן.

טאטע:

הייב זיך אן מיט איר, קאן מען קיין ווארט ניט
דערגיין. וויפל מאל האסטו מיר שוין געזאגט וועגן
דונער, אבער פארט וואס איז דארט אזוינס פארגע-
קומען, ווייס איך נאך אלץ ניט. מער הערט מען ניט,
ווי א דונער און א דונער.

מאמע:

וואס זשע איז דאס — ניט קיין דונער? א גליק איז
דאס? אז מיר זיצן אויפן באנק און מיר ריידן — ווער
זאל זיך דאס ריכטן? פלוצלינג ווערט ער אנטשוויגן

און איז שוין ניטאָ. „יאָסעלע וואו ביסטו“, יאָסעלע היינט, יאָסעלע מאָרגן, — יאָסעלע ענטפערט ניט. און עפּעס רעדט ער צו עמעצן, אָבער עמעצער זאָל אים ענטפערן הער איך ניט. זיינען אָנגעלאָפן קינדער — פרעג איך ביי זיי, — ווייסן זיי ניט. זיי זעען אויך קיינעם ניט. און ביי אים אַליין קאָן מען דען עפּעס דערגיין? נאָך קולות און נאָך גוואַלדן און נאָך געשרייען. אַז ער איז צוריקגעקומען, פרעג איך אים: וואו ביסטו געווען? איז פּונקט ווי דו האָסט מיר געענטפערט, אַזוי האָט ער מיר געענטפערט. ניטאָ קיין דיבורים. און פון דעמאָלט אָן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן.

טאַטע:
דער רבי האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביסט שוין דריי טעג אין חדר אויך ניט געווען. וואו ביסטו דאָס, יאָסעלע, גאַנצענע טעג?

מאַמע:
וואו איז ער? — וואו זאָל ער זיין? אין דער היים. אָדער ער זיצט און שווייגט, אָדער ער דרייט זיך אַרום — ווער ווייס אים, וואו. אָט האָט מיר די דינסט־מיידל געזאָגט, אַז שעהן־ווייז זיצט ער גאָר אָפּ אויפן בוידים. וואָס טוט ער אויפן בוידים? ווי צו מיר, אַ דונער האָט מיך געטראָפן.

טאַטע:
וואָס טוסטו אויפן בוידים, יאָסעלע?

מאַמע:
וואָס טוט ער אויפן בוידים, פרעגסטו. פרעג אים, וואָס זיצט ער און טענהט פאַר זיך? אַ וואָרט קאָן

מען זיך דען פון אים דערוואַרטן, אַז מען פרעגט אים עפּעס? און מיט דער וואַנט רעדט ער דיר אָפּ גאַנצענע שעהן. נעכטן זיץ איך אַזוי — איך זע דאָך, דאַנקען גאָט ניט, נאָר הערן הער איך דאָך — אוי, ווי איך הער! — זיצט ער פאַר זיך און רעדט: „איך ווייס ניט, הייליקער, איך האָב מורא, הייליקער, איך בין דאָך נאָך אַזאַ קליינער, הייליקער". אָך־אָך־אָך, צו וועמען רעדט ער, צו וואָס רעדט ער, — גאָר־נישט, צו דער וואַנט. איך פרעג אים — שווייגט ער. ווי צו מיר, אַזאַ אומגליק, אַ פלוצלינגער אומגליק.

ט אַ ט ע:

מיט וועמען רעדסטו, יאָסעלע?

מ אַ מ ע:

מיט וועמען...

ט אַ ט ע

שלאָגט איבער

אַז ער וואָלט אפשר וועלן ענטפערן, לאָזטו ניט!

מ אַ מ ע:

נו, שאַ, רייד מיט אים אַליין, אפשר וועט ער דיר ענטפערן. איך דאַרף סיי־ווי־סיי צו דער דינסט. פיר מיך אַוועק.

דער טאַטע פירט זי אַרויס. דער יינגל בלייבט זיצן ווי פריער, ביז דער טאַטע קערט זיך צוריק.

ט אַ ט ע

גייט צום יינגל, זעצט זיך לעבן אים און גלעט אים דעם קאָפּ.

זאָג מיר, יאָסעלע, פאַרוואָס ענטפערסטו מיר ניט, אַז

איך פרעג דיך?

דער יינגל שווייגט.

שאַטע:

גאַנצענע טעג וויינסטו, שלאָפסט ניט, גייסט אַרום אַזאַ פאַרטראַכטער. וואָס איז דיר?

דער יינגל שווייגט.

טאַטע:

אפשר טוט דיר עפּעס וויי? אפשר פעלט דיר עפּעס. וואָס איז דיר פאַר אַ גוטס? ענטפער מיר, מיין זון, עס איז דאָך אַן עבֵרה אַ טאַטן ניט צו ענטפערן.

יינגל:

יאָ, טאַטע, ס'איז מיר ניט גוט.

טאַטע:

זאָג־זשע מיר, וואָס פעלט דיר? דערציייל מיר אַלץ אויס, מיין זון, אפשר וועלן מיר עפּעס זען אַ מיטל...

יינגל

בויגט זיך אַן צום טאַטנס ברוסט און באַהאַלט אויף איר דעם קאָפּ.

קיין מיטל ניטאָ, טאַטע, קיין מיטל. אַזוי מוז דאָס זיין... דו ווייסט ניט, איך טאָר ניט דערציילן. זיי מיר מוחל, טאַטע, איך טאָר ניט, נאָר ס'איז מיר אַזוי שווער, אַזוי שווער...

דער טאַטע טראַכט אַ ווײַלע, נאָכדעם זעצט ער דעם יינגל אַוועק גלייך און הייבט זיך אויף.

שאטע:

איצט ווייס איך שוין, וואָס דאָס איז: אַן עין־הרע...
יאָ, איך גיי שוין אָפּשפּרעכן.

טוט פאַרשעפּטיקס אַן די היטל אויף דער יאַרמלקע און גייט אַרויס.

מלאך

באַווייזט זיך:

פריד צו דיר, פון גאָט געליבטע קינד?

ינגל:

אַך, הייליקער, איך לייד אַזוי, ווען דו פאַרלאָזט מיך. איך בין דאָך אַזוי שוואַך, איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג, און אַז איך פאַרבלייב אַליין מיט מיינע ספקות, פאַלט אויף מיר אָן אַן אימה. פאַרלאָז מיך ניט, הייליקער.

מלאך:

טרייב די ספקות פון דיין האַרצן פאָרט,
ווי אַ קלעק אַ פליג, מיין קינד,
מוטיק זיך, באַשליס געשווינד, —
איך וואַרט אַצונד דיין לעצטן וואָרט.

ינגל:

אַז איך ווייס אָבער ניט, הייליקער! עס איז אַזוי גוט מיט דער מאַכט, וואָס דו ברענגסט מיר אַ מתנה פון גאָט! איך פלעג גאַנצע נעכט ניט שלאָפן, נאָר מיט אַ קלאַפּעניש אין האַרצן ליגן און טראַכטן פון דער דאָזיקער מאַכט. איך האָב אָבער ניט געהאַט די דרייסטקייט צו מיינען, אַז איך בין דער אויסגעווייל־טער, וואָס פאַר אים איז אַזוינס פאָרגעברייט פונם אייבערשטן. הייליקער! דו ווייסט דאָך, ווי גרויס

דאָס גליק איז, ווען איך זע: איינער מאַטערט זיך, שלעפנדיק די קראַנקע פוס זיינע, און איך זאָג אים: גיי גלייך — און ער גייט. ווען איך זע: איינער ליידט יסורים, טאַפּנדיק אַרום זיך אינגמיטן העלן טאָג, ווי אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, און איך זאָג אים: זע גאָטס ליכטיקע וועלט! — און ער זעט. אָט די דאָזיקע מאַכט ווערט דאָך מיר פון גאָט געגעבן?

מלאך:

יאָ, קינד.

ייִנגל:

מיר ווערט איבערגעגעבן אַ טייל פונם אייבערשטנס ווילן צו שאַפן אַזוינע וואונדער, וואָס די וועלט האָט נאָך ניט געזען?

מלאך:

יאָ, קינד.

ייִנגל:

און אַלץ וועל איך וויסן, און אַלץ וועל איך קענען, און מיין מאַמען וועל איך מעגן אומקערן די שיין פון אירע אויגן?

מלאך:

אַלץ, קינד.

ייִנגל:

נאָר אַז עס וועט מיר אומעטיק ווערן אויפן האַרצן, וועל איך ניט טאָרן קומען צו מיין מוטער אַוועקלייגן דעם קאָפּ אויף איר שויס, זי זאָל מיך טרייסטן און מיט איר לאַסקע פאַרטרייבן דעם אומעט פון מיין האַרצן?

מ ל א ך:

ניין, קינד.

י ַנ ג ל:

און אַז מיין טאַטן וועט זיך דער קאָפּ דרייען פון שווערע מחשבות, און זיין האַרץ וועט זיין אָנגעלאָדן מיט דאגות, וועל איך ניט טאָרן קומען און אָפּריידן אים דאָס אָנגעלאָדענע האַרץ און פאַרטרייבן אים פון קאָפּ די שווערע מחשבות דורך מיין טריישאַפט און מיין איבערגעגעבנקייט?

מ ל א ך:

ניין.

י ַנ ג ל:

און אין די שמחות פון מיין משפחה קיין טייל ניט נעמען, און פון חברים אויף אייביק אָפּגעריסן, און שטענדיק איינער אַליין און עלנט אויף דער וועלט?

מ ל א ך:

יאָ, קינד.

י ַנ ג ל:

דערפאַר אָבער, וואו איך וועל זען טרערן און וועל זיי פון ווייטן וועלן ווישן — איז פאַר מיר קיין שטער ניטאָ? וואו איך וועל זען וואונדן און וועל זיי וועלן היילן — איז פאַר מיר קיין מניעה ניטאָ? אומעטום, וואו די שוואַרצע פליגל פון אומגליק וועלן פלאַטערן, און איך וועל זיי וועלן פאַרטרייבן — איז קיינער שטאַר־קער פאַר מיר ניטאָ? אַלץ וועל איך קאָנען צוליב דאָס גליק פון מענטשן?

מ ל א ך:

אַלץ צוליב דאָס גליק פון מענשן.

יִ י נ ג ל:

און אַלץ דאַרף איך אויך אַוועקגעבן פאַר דאָס גליק
פון מענטשן?

מ ל א ך:

היים אין מדבר, שטיין צוקאָפּנס,
אויפן לענד אַ שטריק,
דאַרשט און הונגער, אייביק עלנט, —
צוליב מענטשנס גליק!

טאַטנס גוטסקייט, מאַמעס צאַרטקייט,
רבינס גינציק בליק,
ברידערס ליבשאַפט, שוועסטערס טריישאַפט, —
אַלץ פאַר מענטשנס גליק.

יִ י נ ג ל:

פאַרמאַכט די אויגן מיט די הענט, קאָרטשעט זיך צונויף.

העלף מיר, גאָט! עפנט אָפּ די אויגן, גלייכט זיך אויס,
שפּרייט אויס די הענט צום מלאך בענטש מיך, הייליקער!

מ ל א ך

לייגט ארויף די הענט אויפן יינגלס קאָפּ.

איידער באַרג געבוירן,
איידער טייך גערונען,
האָט שוין גאָט זיין חסד
פאַר דיר אויסגעפונען.

וואו דיין פוס וועט טרעטן,
וואו דיין אויג וועט בליקן —

זאָלסטו שפּרייטן פרייִדן,
זאָלסטו זייען גליקן.

זע, דיך בענטשן מענטשן,
און מלאכים לויבן,
מיט דיר טויזנט שמחות
פרייט זיך גאָט פון אויבן...

יִינגל:

די לעצטע שוואַכקייט מיינע — זיי מיר מוחל, הייליקער! איך וויל זיך געזעגענען מיט מיין טאַטנס הויז. *קערט זיך צו דער וואנט.* ווענט פון מיין טאַטנס הויז, פון מיין טאַטעס געצעלט! איר זייט די עדות פון מיינע קינדערשע יאָרן, איידער מיין מאַמען האָט דאָס אומגליק געטראָפן, — ווי פריילעך, ווי לוסטיק — אַ יום־טוב איז מיר דאָס לעבן געווען אין אַייער שאָטן, ליבע ווענט פון מיין טאַטנס הויז, פון מיין מאַמעס געצעלט! איר זייט אויך עדות אויף די טייכן טרערן, אויף די וואַכע אומרויִקע נעכט, ווען דער טרויער אויף מיין מאַמעס אומגליק האָט זיך אין מיר צעוואַקסן און האָט זיך פאַרברייטערט אין אַ גרויסן צער אויף אַלע, וואָס ליידן און פּייניקן זיך אין לעבן. קיינער איז פאַר מיר דעמאָלט ניט נענטער געווען, איך האָב פאַר קיינעם אַזוי פריי ניט געקאָנט אַנטפּלעקן דעם צער פון מיין האַרצן, ווי פאַר אַייך, ליבע, טייערע ווענט! אַ שווערער נסיון איז מיר געשיקט געוואָרן איצט פון דעם אייבערשטן. איך מוז מיך מיט אַייך שיידן אויף שטענדיק איר וועט מיך שוין מער ניט שיצן פון ווינטן און פון רעגן, פון שניי און פון פרעסט, פון היץ און פון שטויב—זייט

זשע שטאַרק און פעסט און אויף אייביק געבענטשט,
ליבע ווענט! זייט געבענטשט! פון אייך האָב איך מיך
געלערנט לייטן שיצן פון ווינטן און כון רעגנס, אַליין
זייענדיק באַווייט און באַגאָסן; לייטן שיצן פון שניי
און פון קעלט, אַליין בלייבנדיק פאַרשאָטן און פאַר-
פראָרן; לייטן שיצן פון שטויב און היצן, אַליין
בלייבנדיק געברענט פון דער זון און געגרויט פונם
שטויב — פאַר דאָס גליק פון לייטן. זייט געבענטשט,
ליבע, טייערע, הייליקע ווענט פון מיין טאַטנס הויז,
פון מיין מאַמעס געצעלט.

נייגט זיך.

מ אַ מ ע:

אריינגייענדיק און פאַטשנדיק מיט די הענט. וויי צו מיר,
אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן, ער רעדט דאָך טאַקע
צו די ווענט!

י י נ ג ל

ווענדנדיק זיך שנעל צו דער מאַמען.

אַך, מאַמע, איך וויל זיך מיט דיר אויך געזעגענען

נעמט זי פאַר די הענט און קושט איר אין איין אויג און אין
דאָס צווייטע אויג.

מ אַ מ ע:

וואָס פאַר אַ זעגענען זיך, וויי צו מיר ניט, וואָס
רעדסטו!

י י נ ג ל:

מאַמע, קוק אויף מיר, דיין זון.

מ אַ מ ע:

משוגע איז ער, שונאי ישראל, איך זע דאָך ניט,
וויי צו מיר!

יאַנגל:

מאַמע, קוק אויף מיר, דיין זון!

מאַמע:

וואָס רעדסטו, יאָסעלע, מיט מיינע פינסטערע אויגן!..

יאַנגל:

מאַמע, קוק אויף מיר, דיין זון!

מאַמע:

אוי... אוי, איך זע! יאָסעלע, איך זע! אברהם, ציפּע! מענטשן! — קומט זעט, ער האָט מיך דאָך זעענדיק געמאַכט!

דער טאַטע, די דינסט און שכנים לויפן אָן.

אַלע:

וואָס שרייסטו, וואָס פאַר אַ געשריי? וואָס איז געשען?

מאַמע:

איך זע דאָך אַלץ, איך זע, יאָסעלע האָט מיר די שיין פון מיינע אויגן צוריקגעקערט, וואו איז ער, מיין זון, מיין הייליקער?

אַלע

זוכן אויף אַלע זייטן:

וואו איז ער! וואו איז ער!

איינער:

וואו איז ער אַהינגעקומען!

אַ צווייטער:

ניטאָ אים.

אַ דריטער:

נעלם געוואָרן.

פאָרהאַנג.

דריטע בילד

א וואלד, א בײדל פון קארע. דער ייִנגל זיצט
אויף דער ערד ניט ווײט פון בײדל, פארטראכט.

ייִנגל:
שטײען די בײמער און שעפטשען זיך שטיל,—
ווײס איך, וואָס יעטווידעס בײמעלע וויל;
פליען די פײגל מיט הילכיק געזאַנג,—
ווײס איך, וואָס טײטשט יעדן פײגעלעס קלאַנג;
כ׳ווײס, וואָס עס מײנען די ווינטן אין ברומען;
כ׳ווײס, וואָס עס פילן די שטײנער אין שטומען;
כ׳ווײס, וואָס אַ גרעזעלע וואַקסנדיק בעט;
כ׳ווײס, וואָס אַ וואַסערל פלײצנדיק רעדט;
אַלץ, וואָס איז טיף אין דער ערד־ברוסט פאַרשטעקט,
איז פאַר מײנע אויגן אַנטפּלעקט.
אָפן פאַר מיר איז דער הימל־געצעלט,
כ׳זע פון עק וועלט ביז עק וועלט...
איך ווײס נאָר ניט,
כ׳פאַרשטײ נאָר ניט,
וואָס שווער אַזוי
איז מײן געמיט;
אַ בענקעניש
מײן האַרצן רײסט,

און שוואַרצט מיין וועלט,
און שוואַכט מיין גייסט...

פאַרמאַכט דאָס געזיכט מיט די הענט.

בוים:

ששש־ששש־ששאַ...
זיי מיר חבר, קינד,
לאָז דיין ווי און ווינד.
כ'וועל מיט טריישאַפט דיך באַשיצן
סיי פון קעלטן, סיי פון היצן;
כ'וועל דיר אַלטע לידער זינגען;
כ'וועל דיר לערנען שטראַלן שלינגען,
זיסן ערד־זאַפט אין זיך ציען,
שטענדיק גרינען, שטענדיק בליען...
לייג דיין קאָפּ אויף מיר און דרימל,
וואַקסנדיק מיט מיר צום הימל...

ייִנגל:

אָ, ליבער בוים, גוטער חבר, דו קאָנסט אָבער די בענקשאַפט פון מיין האַרצן ניט שטילן. ווען איך וועל וואַנדערן איבער דער וועלט, געטריבן פון דעם אייבערשטנס רצון פון וואַלד צו וואַלד, פון שטאָט צו שטאָט, וועסטו דיין אָרט ניט קאָנען פאַרלאָזן מיך צו באַגלייטן... אַ דאַנק דיר, ליבער בוים!

קושט דעם בוים.

פויגל

פון צווייג.

ציווי־ציווי
ציווי־ציווי,

(8)

געבענטשטע קינד,
פֿאַרגעס דיין ווי!

ציווי-ציוויי
און ציק-ציוויק,
צו אונז מיט פרייד,
מיט אונז אין גליק.

אַהער אַ קלונג,
אַהין אַ זונג,
זיי חבר אונז,
געבענטשטער יונג!

אַהער א דריי,
אַהין אַ פלי,
און שפּיל מיט אונז,
און ציוו-ציווי.

פֿינגל:

איך דאַנק דיר, פֿויגל, פֿאַר דיין חברשאַפֿט. אָבער אַז דיינע חברטעס וועלן שפּילן חתונות, וועסטו מיך פֿאַרלאָזן און אַוועק מיט זיי פֿרייען זיך; אַז עס וועט אָנשטיין דער בייזער ווינטער מיט די פֿרעסט און זאַווערוכעס, וועסטו אַוועקפֿליען אין די ווייטע וואַרעמע לענדער. ניט דו קאָנסט דעם אומעט פֿון מיין האַרצן פֿאַרטרייבן. אַדאַנק דיר, גוטער פֿויגל. נייגט זיך.

מלאך:

גאָטס ברכה אויף דיר, מיין האַר! נייגט זיך.

פֿינגל:

דו ביסט שוין דאָ, הייליקער. באַלד בין איך גרייט

צו גיין, וואוהין דיין גייסט וועט מיך רופן. וואַרט מיר נאָר איין ביסעלע... ניט מיין, אַז איך האָב חרטה, וואָס איך האָב דעם אייבערשטנס מתּנה פון דיינע הענט געגומען. ניין, דאָס איז ניט קיין חרטה. דאָס איז דער לעצטער אויסבראָך פון מיין שוואַכקייט. איך בין דאָך אַ קינד פון מענטשן, מיט מענטשלעכע שוואַכקייטן.—זײַ מיר מוחל, הייליקער. מיר ווילט זיך דאָס לעצטע מאָל אָנעטעמען מיט דער לופט פון מיין היים... מיר ווילט זיך דאָס לעצטע מאָל פילן אויף מיין געזיכט דעם ווינט, וואָס באַווייט מיין געבורטס-אָרט, וואו איך בין געבוירן און אויסגעוואַקסן. מיר ווילט זיך דעם לעצטן גערוס באַקומען פון מיינע ליבע און נאָענטע, איידער איך פאַרלאָז זיי אויף אייביק. ש-ש-ש... אָט גייען זיי... ש-ש-ש...

ער באַהאַלט דאָס פּנים אין זיין בגד, דרייט זיך צונויף, און ווען ער גלייכט זיך אויס, האָט ער אַן אַנדער פּנים, ניט צו דערקענען. דערווייל קומען אַן קינדער, גייען ניט זיכער און בלייבן שטיין פונווייטן.

ייִנגל:

וואָס זשע זייט איר געבליבן שטיין, קינדער, האָט ניט קיין מורא, איך בין אַ ייִד. די קינדער קוקן זיך דורך און גייען צו נעענטער זעצט זיך, רעכט, אָט אַזוי. פון וואַנען און וואוהין גייט איר, קינדער?

1 קינד:

מיר זיינען געגאַנגען זוכן דעם לאַמעד-וואָווניק...

2 קינד:

ביי אונז אין שטאָט איז איינער אַ ייִנגל געוואָרן אַ לאַמעד-וואָווניק. האָבן פויערים געזאָגט, אַז זיי האָבן

אים געזען דאָ אין וואַלד. זייִנען מיר אים געגאַנגען
זען...

3 קינד:

מיר ווילן זיך ביי אים בענטשן .. ווי מיינט איר—ער
וועט אונז בענטשן?

יִנגל:

ער וועט אַייך געוויס בענטשן... יאָ. נאָר זאָגט מיר,
קינדער, איר גייט דאָך פון שטאָט, יאָ?

1 קינד:

אוודאי, פון שטאָט גייען מיר...

יִנגל:

ער האָט דאָך דאָרט מסתמא אַ מאַמען, דער לאַמעד־
וואָווניק, יאָ, קינדער?

2 קינד:

אַוודאַי. ער האָט זי ערשט געמאַכט זעענדיק!.. זי איז
געווען אַ בלינדע...

יִנגל:

יאָ, קינדער, האָט זיין מאַמע דורך אייך אוודאי גע־
שיקט אַ געגרוס צו איר זון? די קינדער קוקן זיך אָן און
שווייגן. וואָס, ניין?

3 קינד:

מיר ווייסן ניט...

2 קינד:

מיר ווייסן ניט... מ׳האָט אונז ניט געזאָגט...

יִנגל:

איר ווייסט ניט... נו, און וואָס טוט זיך אין שטאָט,
דאָס ווייסט איר, קינדער?

1 קינד:

יאָ. אַלע רעדן וועגן לאַמעד־וואָווניק, פול די שטאָט...

ייִנגל:

ניין, ניט דאָס. איך האָב געמיינט: טאַטעס און מאַמעס קושן דאָרט און גלעטן זייערע קינדער? יאָ? און קינדער קלייבן זיך צונויף און ריידן און שפּילן און לאַכן צוזאַמען?

קינדער:

יאָ, ווי דען זשע?

ייִנגל:

און מענטשן גייען אום איבער די גאַסן, קומען זיך צונויף אין בית־מדרש, לערנען מיט שיינע ניגונים, דערציילן מעשהס — אַלע אינאיינעם?

קינדער:

יאָ..

ייִנגל:

און אַז עס קומט די נאַכט, קלייבן זיך די משפּחות צונויף אונטער איין דאַך, ביי איין פייער, אַלע איינער פון די אַנדערע געהיט, איינע פון די אַנדערע געליבט,— אונטער איין דאַך, ביי איין פייער?...

קינדער

יאָ...

ייִנגל:

פאַרטראַכט.

אַך, ליבע, טייערע, גליקלעכע...

קינדער:

לאָמיר גיין, לאָמיר גיין. רעכט, לאָמיר גיין...

הייבן זיך אויף.

יִ נ ג ל

הייבט זיך אויף.

גייט גייט, קינדערלעך, און אַז איר וועט קומען אַהיים, אין שטאָט אַריין — גיט די גאַסן אָפּ אַ גערוס פון מיר, גיט די הייזער איבער אַ ברכה פון מיר. זאָגט די שטיינער אין די גאַסן, אַז איך בענטש זיי...

אַ מ י י ד ע ל ע:

און דעם לאַמעד־וואָוניק וועלן מיר ניט געפינען?

יִ נ ג ל:

ניין, קינדער; ער טאָר זיך ניט באַווייזן. נאָר צו וואָס דאַרפט איר אים געפינען, ער וועט אײַך סיי ווי בענטשן...

אַ יִ נ ג ע ל ע

באַווייזט אויף דאָס מיידעלע:

זי איז אַ קאַליקע אויף אַ פּיסל... האָט זי געוואָלט בעטן...

יִ נ ג ל:

אַזוי, אַזוי... נו, מיידעלע, האָב קיין צער ניט *גלעט זי איבערן קאָפּ.* דער לאַמעד־וואָוניק וועט דיך געוויס בענטשן. גיי אַהיים. גיי, גיי, דער לאַמעד־וואָוניק וועט דיך געוויס בענטשן.

ק י נ ד ע ר:

זייט געזונט!

גייען אוועק.

יִ נ ג ל:

גייט געזונט, ליבע, טייערע...

די קינדער גייען אוועק, דאָס מיידעלע נאָך זיי.

ייִנגל:

זייט געזונט, גליקלעכע, פון גאָט געבענטשטע, טייערע, ליבע חברים!

קוקט נאָך די קינדער א היפשע צייט ביז זיי ווערן ניט, ביז זיי הערן זיך ניט.

ייִנגל:

אָט־אָ־דאָ זייַנען זיי געזעסן... דאָ שוועבט נאָך זייער גייסט... דאָ פילט זיך נאָך זייער דופק... ליבע, טייערע, פון גאָט געבענטשטע. *פאַלט צו דער ערד, וואו די קינדער זייַנען געזעסן, און קושט דאָס גראָז אויף דעם אָרט. הייבט זיך אויף* דעם לעצטן פּאָדים אָפּגעשניטן, די לעצטע בענקשאַפט אויסגעווייטאָגט. איצט אינגאַנצן דייַנער!

הייבט אויף די הענט צום הימל.

אינגאַנצן דייַנער, דייַנער, האַר!
מיט זעל און גייסט, מיט פלייש און ביין
מיט יעדן דופק פון מיין האַרץ
געהער איך נאָר צו דיר אַליין.

מיין פאָטער — דו, מיין מוטער — דו,
מיין ליבע היים — דיין גאַנצע וועלט:
דיין גרויסע ערד, דיין הימל־ברייט —
דאָס איז מיין ליבלעכער געצעלט.

אָ, נעם מיך, האַר, כ׳בין גרייט, דיין קנעכט,
אויף לייד און פּיין, אויף שאַנד און שפּאָט
פון דייַנע מענטשן, פאַר דיין וועלט —
אינגאַנצן דייַנער, דייַנער, גאָט!

בלייבט ליגן מיטן פנים צו דער ערד.

מלאכים־כאָר באוויזן זיך, אויפגעלייגט די הענט, ווי קינ־
דער צו ברכה

וואָס איז דען שענער פאַר דעם מענטשן
אויף ערד און אויף הימל און אויף שטערן? —
גאָט האָט געוואָלט זיין וועלט באַפוצן,
האָט ער געזאָגט: אַ מענטש זאָל ווערן.

דאַן האָט דער מענטש
אין שעפערס קריין
העל אויפגעשיינט —
דער בעסטער שטיין.

אָ, גרויסט־זשע אים מיט גרויסע לויבן!
פרייזט, ערד פון אונטן, הימל – אויבן!

פון אַלע וועלטן
טוט אים בענטשן
און פאַרגעלטן:
לויב צום מענטשן!
לויב צום מענטשן!
רום צום מענטשן!

פ א ר ה א נ ג

א י נ ה אַ ל ט

	זייט
דער מלך און דער בעטלער	3
דאָס שפּיגעלע	17
שלמה המלכּס איידים	33
משיח דער דערלייזער	45
משה אין מדין	57
ברויט אויפן וואַסער	67
לאַמעד־וואָווניק	85

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
יידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה העברית העממית